NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13446

DER ERSHTER TROT

Itzik Kipnis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אי. קיפניס

דער ערשטער טראָט

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטנ אינ אוססר

קיעװ 1939

אינהאלט

צי ס'קעדינ זיכ הענגענ אפ טראמוויינ 3
זיכ בענומענ אינ די הענט 7
אמאָל איז געווענ 11
די נאשערנ 16
שטעלמאהאָ 23
גאסטפריינטשאפט 27
אזא נאסט 35
יוליע 39
דער ערשטער טראָט 44

6
Copy____

0251 K

SEP 5 1950

D

רעדאקטאָר — ב. סטעפּאנסקי. טעכנישער רעדאקטאָר — מ. רעזניטשענקאָ.
קאָרעקטאָר — ע. מעלניקאָווא.

פאפיר 92×70 — 1/16 — 40 קג. 3 דרוקבויגנ. 2,65 דיסקאָנט־אויטאָר־בויגנ. טיראזש 150 — 1150 עקז. פירמע פאָליגר. פאבריק. קיִעוו, רויטער פלאצ 2а. באשט. נומ. 1229. באמולמ. פונ הויפּטליט נומ. 2564. פארלאג־נומ. 63. — אָפּגעגעבנ אינ זאצ 1/III—1939. אונטערגעשריבנ צומ דרוק 1/VI—1939.

צי ס׳קעדיי זיכ העגנגענ אפ טראמוויענ

א כאָכמע א גרויסע זיכ אָנכאפנ פארנ אונטערשטנ אָדער מיטלסטנ
הענטל פונ טראמוויי אונ זיכ דורכפאָרנ אפיסל! דאָסאיז גאָרניט קיינ
כאָכמע, וויל אזעלעכס קאָנ יעדער יאט! צי קאָנ אָבער ווער פונ די כעוו־
רע מאכנ, אז ס׳זאָל אימ צוואקסנ די פיס, ווענ דער טראמוויי שניידט
זיי אָפ, אָדער צוריק צושרויפנ דעמ קאָפ, ווענ א ראָד טיילט אימ אָפ פונ־
נעמ קערפער? אהא, אָט דאָס קאָנ קיינער ניט, אונ כעוורע, וואָס ס׳האָט
מיט זיי אזעלעכס געטראָפנ, זיינענ פארגאנ.די, וואָס זיינענ שוינ אינגאנצנ
געהארגעט אפ טויט, זע איכ שוינ ניט, אָבער די, וואָס אָנ איינ פוס
אָדער אָנ צוויי, זע איכ. אונ זייער קלוג האָט א יאטל איבערגעדרייט
אפ זיכ אליינ דאָס רוסישע ווערטל „ליובישׁ קאטאטסיא”. ער זאָגט:
„ליובישׁ קאטאטסיא נא טראמוואיאכ, ליובי כאָדיט בעז נאָהי”, טאנצט ער,
נעבעכ, ארומ נאָכ אזא קליינינקער קאדובטשיק אפ א מיליצע, איינ קא־
לאָש איז בא אימ אינגאנצנ א ליידיקע אונ די מיליצע אונטער דער לינ־
קער האנט איז בא אימ זייער א נידעריקע.

ער הייסט מיכליק, הייסט ער, נאָר איצט וויל איכ דערציילנ ניט וועגנ
מיכליקנ, נאָר אסאכ א פראָסטערע געשיכטע, פונ ליאָווקע ביסטריצקינ,
וויאזוי ער האָט זיכ געקאטייעט אפנ טראמוויי.

איינמאָל האָט די מאמע אָנגעזאָגט ליאָווקע ביסטריצקינ, אז נאָכ דער
שול זאָל ער צוגיינ צומ טאטנ אפ דער ארבעט אונ דאָרטנ נעמענ באמ
טאטנ דאָס געהאלט אונ ברענגענ אהיימ, וועט זי מיט אימ גיינ אינ ראב־
קאָפ אימ נעמענ א פאלטאָ. ליאָווקע ביסטריצקי האָט דאָס גוט געדענקט,
נאָר, אז ער איז ארויס פונ גאס „דריטער אינטערנאציאָנאל”, ווו די שול
זיינע געפינט זיכ, אונ איז ארופ אפ קאָראָלענקע גאס, האָט ער דערזענ,
ווי דער טראמוויי לויפט פונקט פונ דאָרטנ, פונ יענער ריכטונג, וווהינ
ער דארפ גיינ.

ליאָוקע טוט זיכ א קראַצ מיט דער רעכטער האַנט אונטערנ לינקנ אויער.

— אַכ, — טוט ער זיכ א טראַכט, — כאָטשבי איינ ביסעלע וועל איכ זיכ דורכקאַטײַענ אפנ טראַמווײַ... איכ וועל שוינ צוריק אָנלייגנ אביסל וועג.

גערעדט אונ געטאָנ. דער טראַמווײַ איז שוינ פאַרבײַ אימ דורכגעלאָפנ, אונ ליאָוקע צעלאָזט זיכ אימ דעריאָגנ. לויפנ קאָנ ער דאַפקע. די ביכער מיטנ פענאַל טראַסקענ אינ רענצל. ווער הערט זיי! זע, זע, אָנאָ האַלט זיכ שוינ ליאָוקע פאַר א הענטל אונ דאַפקע פונעמ פאָדערשטנ גאַנעקל, אונ ער פאָרט — נאָכ א מינ פאָרנ, אונ ער קוועלט — נאָכ א מינ קוועלנ, אונ די טשופּרינקע פאָכעט זיכ אפנ ווינט שוינ איינמאָל. יאָ, אָבער דער טראַמווײַ איז נאָכ ניט פאַרפאָרנ ביזנ קליינישנ אינסטיטוט, ווי א פענצ־טער מיט א דינער, גאָר דינער ראַמ פונעמ וואַגאָנ־פירערס קאַבינקע הייבט זיכ פאַמעלעכקע אונטער, אונ א טונקעלע פעסטע האַנט נעמט אָנ פאַרנ אקסל. אנו, טרעפט וועמענ? טאַקע ליאָוקענ, ליאָוקע ביסטריצקי. נאָר אָנגענומענ פעסט, ווי ס'באַדאַרפ צו זײַנ, וואָרעמ ליאָוקע, ווי ער האָט נאָר דערפילט א האַנט, האָט ער שוינ געוואָלט, ווי זײַנ געוווינשאַפט איז, מיט א זײַטל א שפּרונג טונ אונ שוינ אויסוואַקסנ אפנ צווייטנ טראָ־טואַר, אָבער ווי זאָגט מענ עס? — ניע טוט־טאָ בילאָ! — ליאָוקע דריגעט מיט די פיסלעכ, טעלעפּעט מיט די הענט, נאָר דער אקסל איז ווי צוגע־שמידט. אז דער טראַמווײַ האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ ארויסלאָזנ אונ אָנע־מענ פאַרשוינענ, האָט דער באַלעבאָס פונ דער טונקעלער פעסטער האַנט ארויסגעשטעקט די צווייטע האַנט פונ דער טיר אונ ארײַנגענומענ ליאָוו־קעלע ביסטריצקינ צו זיכ אינ קאַבינע ארײַנ. די מענטשנ לאַכנ, נאָר דער טראַמווײַ האָט קיינ צײַט ניט שטיינ דאָ אונ לאַכנ מיט זיי. דער טראַמווײַ קלינגט — די רעדער הרימענ איבער די רעלסנ, ליאָוקע רײַסט זיכ פונ די הענט, ליאָוקע איז שוינ ניט ליאָוקע, ער איז שוינ א צעקראַכענער, איז ער שוינ. ער קרימט פיסקעס אונ וויינט, פריער שטיל, דערנאָכ הויכ, דערנאָכ רעוועט ער שוינ, ווי א ביק.

— שטילער אביסל, — מאַכט צו אימ דער וואַגאָנפירער, — דו ווילסט דאָכ פאָרנ — פאָר!

ליאָוקענ איז דאַפקע געפעלנ געוואָרנ, וואָס מע רעדט צו אימ אזעלכע פראָסטע, ניט קיינ בייזע, ניט קיינ בארויגעזע רייד. אָבער ס'אימ ניט

געפעלנ געוואָרנ דער שמייכל אינעמ וואגאָנפירערס שטעכיקער באָרד אונ אינ די גרויסע אויגנ. דאפקע א גוטער שמייכל, נאָר ווענ ער רייצט זיכ ניט מיט אימ.

— יאָ, פאָרנ, — האָט זיכ שוינ ליאָוועקע אָנגערופנ נאָכ אלצ מיט א וויינענדיקנ קאָל, — וווהינ וועל איכ פאָרנ???

— ניט ווייט, — האָט אימ דער וואגאָנפירער געענטפערט, — דו ווייסט דענ ניט, ווו מיליציע איז? מיר שטעלנ זיכ דאָרטנ אָפ.

אז ליאָוועקע האָט דערהערט מיליציע, האָט ער זיכ ערשט צערעוועט גאָר אפ אנ אנדער אויפנ:

— לאָזט אָפ... איכ וועל שוינ מער ניט... די מאמע וועט וואַרטנ... איכ דארפ נאָכ גיינ צומ טאטנ אפ דער ארבעט... אוי — אוי — אוי, לאָזט מיכ שוינ אָפ...

— ביסט א מיינונ, ווי ס'רעוועט? — אזויווי עמעצער וואָלט פונ אימ געשניטנ פאסנ! וויאזוי רופט מענ דיכ?

— ליאָווע־ע־ע...

— אהא, ליאָווע. טאָ טלינע ניט אזוי, ליאָווע. זינט איכ האָב געזענ ליאָוועס, האָב איכ נאָכ ניט געזענ, אז אבי־וועלכער ליאָווע זאָל איבער אזא נישטיקייט פארגיסנ אזא יאמ מיט טרערנ... נאָכלויפנ אונ זיכ אָנ־הענגענ פאר די הענטלעכ פונ טראמוויי קאָנסטו — דרינגנ, דרינ — דרינ־דרינ טשוהא — טשוהא — טש־ ש־ ש־ש — פארשטייסטו שוינ, ליאָוועס? איכ וועל דיר גאָרניט טונ, אינ מיליציע וועט מענ דיר אויכ גאָרניט טונ. מ'וועט נאָר פארשרייבנ דיינ אדרעס, ווו דו וווינסט, אונ דיינ אדרעס, ווו דו לערנסט, אז ס'זאָל דיר זיינ דרינג — דרינ — דרינ טשוהא — טשוהא — טש־ש־ש־ש־א א נאוקע, אז אויב דו ווילסט האָבנ גאנצע פיס, ווילסט האָבנ א גאנצנ קאָפ, טאָ הענג זיכ ניט אפ די טראמווייענ.

א מאָדנער „דיאדיע" אָט דער וואגאָנפירער. קיינ שלעכטער איז ער ניט, רעדנ רעדט ער מיט גוטנ אונ גיט אזוי פיינ צו פארשטיינ, נאָר אז ס'קומט צומ אָפלאָזנ, זאָגט ער: „מעט דיר דאָרט גאָרניט ניט טונ". ער גלייבט שוינ דאפקע, ליאָווע, אז מע וועט אימ דאָרט גאָרניט ניט טונ, נאָר אפ וואָס דארפ ער עס? אונ אָנאָ גייט נאָכ אזויווי אפצולאָכעס פונ זיינ גרופע א מיידעלע, ריוועלע שיפ. ליאָווע האָט אָפגעקערט די אויגנ. ס'איז אימ געווענ ערגער פונ אלצ, וואָס די דאָזיקע וועט אימ דא־אָ זענ א פארווייבטנ... ער האָט זיכ צוגעבויגנ נידעריקער פונ פענצטער אונ אָנגע־

נומענ אַלע פיר פינגער פונ דער לינקער האנט אינ מויל אַרײַנ און האָט פאַרקוועטשט מיט זיי די אונטערשטע ציינ מיט דער יאסלע. אַכ, ווענ ער שעמט זיכ ניט, וואָלט ער עס איצט אַביסל געוויינט!

און דאָס איז שוינ קימאט אַלצ. ס׳גאָרניט, וואָס די מאמע האָט אימ געזוכט דעגסטמאָל גאנצע צוויי שאָ אי אינ שול, אי באמ טאטנ אָפ דער אַרבעט. ס׳איז אויכ גאָרניט, וואָס ריוועלע האָט אימ אָפמאָרגנ אומעטיק געקוקט גלײַכ אינ די אויגנ און האָט געשוויגנ. ריווע איז אַ גוטער כאַ־ ווער. ריווענ טוט באנק, טאָמער האָט עמעצער פונ אירע פרײַנט אומ־ אַנגענעמלעכקײַטנ. אָבער דאָס איז שוינ אַלצ גאָרניט... ס׳האָט זיכ שוינ אַלצ פאַרגעסנ. נאָר וואָס יאָ? איצט, אַז ליאָווקע דערזעט, אַ טראמווײַ לויפט אינ גאס, איז אָט־אָט טוט זיכ, דוכט זיכ, ליאָווקע אַ יאָג און הענגט זיכ אָנ. אָבער ניינ. ער דערמאָנט זיכ אינ יענעמ באטאָג און בלײַבט שטיינ. ער שרײַט נאָר אויס צו אַ צווייטנ יאָט:

— כאימקע, לויפ, לויפ, וועסט שוינ האָבנ מאָרגנ אינ שול!

און צו די קינדער, וואָס גייענ לעבנ אימ, פאַרענדיקט ער:

— אַז מע זאָגט, אַז מע טאָר זיכ ניט הענגענ אָפ די טראמווײַענ, טאָר מענ ניט.

זיך געגומענ אינ די הענט

.1

פונ וועמענ, זאָגט איר, איז איצט געקומענ די רייד, פונ זשאָרזשיקנ אוואדע ?

יאָ, דאפקע פונ זשאָרזשיקנ.

אונ טאָמער מיינט איר, אז זשאָרזשיק איז עפּעס ניט קיינ קלוג ייִנגע־לע, האָט איר א גרויסנ טאָעס. ז. קלוגער יאט, א דורכגעטריבענער, מיט פארשייַטע צוויי אויגנ, אונ א שטיפער איינער אינ דער וועלט. נאָר איינ זאך : לערנענ—ניט. ער וויל ניט.

ער ווייסט ניט,

ער הערט ניט,

ער דארפ ניט.

אינ שול גייט ער אינ דער 45־טער, קלאס 2. וואָס דענ האָט איר גע־וואָלט, ער זאָל אינ שול אריַינ ניט גיינ ?! בא אונדז אינ ראטנלאנד לער־נענ זיך אלע קינדער אָנ אויסנאם. גייט טאקע זשאָרזשיק אינ שול נומ. 45, ווי איך האָב איַיך נאָרוואָס געזאָגט, אינ צווייטנ קלאס.

פונ דער פאָרענטשע איבער די טרעפּ פאָרט ער אראָפּ ווי א כוואט, איבערנ פּארקעט גליטשט ער זיך, אז ס׳פליִענ פונקענ. נאָר אז ס׳קומט אויס אימ ארויסרופנ צומ טאָוול, ווייסט ער קיינ האלב וואָרט ניט. זייַנ גליק נאָר, וואָס ער מאכט טייקעפ א כיינדעלע, איז ווי די לערערנ זאָל ניט זייַנ אינ קאַס, מוז זי זיך צעלאכנ, אונ די קינדער אינ קלאַס, אפ איר קוקנדיק, צעלאכנ זיך אויך אלע. וואָס ווילט איר, ס׳שוינ איינמאָל א זשאָרזשיק...

.2

זשאָרזשיקס מאמע רעגינע פייַנבייַנ ניט געקוקט דערופ, וואָס זי איז נאָך א יונגע, איז זי דאָך זייער א פארנומענער מענטש. עס בלייַבט איר

ווײניק צײַט אפ אָפּגעבן זיכ מיט איר זשאָרזשיקן. באַטאָג אַרבעט זי אין פאבריק, און אינאָווענט לערנט זי זיכ. זי דאַרפ נאָכ לערנען צווײ מיט א האַלב יאָר, און זי וועט שוין ווערן אַן אינזשעניער.

אַנומלטן אין יאַנוואַר כוידעש זײַנען בא איר געווען דרײַ פרײַע טעג דורכאַנאַנד. עפּעס א קלײניקײַט, דרײַ טעג דורכאַנאַנד! האָט זי אופגעראַמט אין שטוב, געמאַכט פון די צימערן א שפּיגל, האָט זיכ אַלײן אָפּגערוט, האָט זשאָרזשיקן אויסגעוואַשן, אויסגעפּוצט און איז מיט אים יעדן אָוונט שפּאַצירן געגאַנגען.

— מאַמע, — קומט צולויפן זשאָרשיק פון שול, — נא דיר א צעטעלע!..

די מוטערס קומען אפ דער פאַרזאַמלונג פרײַטיק, דעם 22־טן, 6 אַזײגער פאַרנאַכט.

רעגינע פײַנבײַן האָט זיכ דערפרײט, וואָס זי האָט א פרײַען אָוונט. איצט וועט זי שוין טאַקע גײן אין שול אַרײַן אפ דער עלטערן־פאַרזאַמלונג. זי וועט הערן, וויאַזוי לערנען זיכ קינדער, וויאַזוי לערנט זיכ זשאָרזשיק. זי האָט איבערגעלײענט נאָכאַמאָל דאָס צעטעלע.

— גוט, — זאָגט זי, — דעם 22־טן, 6 אַזײגער, גײ איכ אפ דער עלטערן־פאַרזאַמלונג.

— און זשאָרזשיק גײט אויכ מיט? — האָט זשאָרזשיק צוגעגעבן אפ זיכ אַלײן.

— פאַרוואָס דען ניט? — האָט אים די מוטער געענטפערט, — אויב מ׳וועט נאָר אַרײַנלאָזן, וועט זשאָרזשיק אויכ קאָנען גײן.

.3

דעם צווײ און צוואַנציקסטן. אָנהײב אָוונט. אין שול אין די קלאַסן איז ליכטיק. אין יעדער קלאַס קימאַט גײט אַן עלטערן־פאַרזאַמלונג. יעדער לערער און לערערן גיבן אָפּ א באַריכט פאַר זײערע שילערס עלטערן וועגן דעם, וויאַזוי די קינדער לערנען זיכ.

אויכ אין צווײטן קלאַס זיצן די מוטערס און א טײל פאָטערס אפ די פאַרטעס. די לערערן סאָפיע מאַרקאָוונע זיצט אפ איר געווײנלעכן אָרט פאַרן טיש, און זי דערציילט, זי טײלט זיכ מיט די עלטערן וועגן אײניקע שוועריקײַטן, וואָס זי באַגעגנט אין דער אַרבעט מיט די קינדער, און וועגן די קינדער פאַרשאַפן איר פרײד מיט זײערע דערפאָלגן. דערנאָכ

רופט זי שוינ אָנ נעמענ פונ די קינדער, וואָס זײַנען בא איר פאַרשריבנ אינ זשורנאַל קעסיידער לויטנ אַלעפבייז נאָכ. איינ קינד קאָנ בעסער לייענענ און שרײַבנ, נאָר אינ רעכענענ איז עס שוואַכ. איינ קינד קאָנ רעכענענ, נאָר לייענט שוואַכ... איינ קינד צייכנט זיכ אויס אינ לערנענ בא אַלצ, נאָר עס איז ניט קיינ גוטער כאַוועד, אונ די אופירונג זײַנע איז ניט באַפרידיקנדיק. דערנאָכ הייבט זי שוינ אָנ לייענענ געקירצט, אונ די מוטערס שטויסנ זיכ שוינ אַליינ אָנ פונ וואָס מ׳רעדט. צום בײַשפּיל:

— ריוועלע בלושטיינ — גוט, גוט, שלעכט. דאָס הייסט שפּראַכ, מאַטעמאַטיק — גוט; אונ אופירונג — שלעכט.

רופט זיכ אָנ ריוועלעס מאַמע פונ איר פּאַרטע:

— זי איז בא מיר טאַקע א שטיפערקע, די קלענערע מײַנע, אפ סאַקאָנעס.

זי זאָגט עס, אַזויווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט באַדויערנ, אָבער איר פּאָנעם שמייכלט פונ דעמ, וואָס איר ריוועלע לערנט זיכ אַזוי גוט.

מאָטיק העלפאַנדביינ, — זעצט פאָר די לערערנ הויכ אפ א קאָל, — גוט, שלעכט, גוט...

דאָס הייסט, שפּראַכ — גוט, רעכענענ — שלעכט. מ׳מוז זיכ צולערנענ אביסל אויסער די שול־שאָענ. אופירונג גוט.

אַנדערע קינדער זײַנענ אויכ געקומענ מיט די מוטערס. זיי האָבנ ליב די שול, אונ בא יעדער געלעגנהײַט איז זיי ליב קומענ צו לויפנ אַהער. זיי שטיפנ איצט איבער די באַלויכטענע קאָרידאָרנ, כאַפּנ ביגנייווע א קוק דורכ דער האַלב־געעפנטער טיר אינ קלאַס אַרײַנ, אונ זיי קווענלנ אָנ, וואָס די עלטערנ זיצנ, ווי קליינע קינדער, אפ די פּאַרטעס, אונ נעמענ אָפּ פונ זיי גרוסנ בא דער לערערקע.

רעגינע פײַנביינ — די שענסטע אונ די יינגסטע צווישנ די מוטערס, איצט האָט זי נאָכ אָפּגערוט א פּאָר טעג אונ זיצט אינ שול פרײַ אונ אָנ אײַלעניש, איז ווער צו איר גלײַכ!

אונ ס׳קומט שוינ אָנ צום בוכשטאַב „פ״ — וועט שוינ באַלד זײַנ פײַנביינ. נעמט איר דאָס האַרצ קלאַפּנ נאָכ שטאַרקער, אונ זי פרייט זיכ שוינ פונ פריער, ווײַל ווער קאָנ זיכ נאָכ בעסער לערנענ פונ איר קליינעמ לעבעדיקנ זשאָרזשנ.

— פרידמאַנ ליאָווע — אַזוי אונ אַזוי אונ אַזוי.

— פאָלקאָוויטש כאַנקע — גוט, זייער גוט, גוט...
— פייַנבייַנ זשאָרזש...

און די לערערנ, סאָפיע מאַרקאָווינע, זוכט אָפּ מיט די אויגנ רעגינענ צווישנ די עלטערנ. אַלע קוקנ זיכ זום אָפּ רעגינענ. מע ווייסט, ווער זי איז, און מע האָט זי ליב אי פאַר איר אַליינ, אי פאַר זשאָרזשנ, וואָס ער איז אַזאַ לעבעדיק ייִנגל.

די לערערנ פאַרהאַלט זיכ אַ ווייַלע און הייבט אָנ מיט אַ פאָרעדע:

— וואָס זאָל איכ אייַכ זאָגנ... אייַער זונ איז זייער אַ פייַק ייִנגל, נאָר ער וויל זיכ ניט נעמענ אינ די הענט. אייַכ האָבנ מיר גערופנ עטלעכע מאָל, האָט איר צוליב אייַער פאַרנומענקייַט ניט געקענט קומענ — — — אַז ער וועט זיכ אונטערציִענ, וועט ער געוויס קאָנענ אָניאָגנ דעם קלאַס, נאָר דערווייַל איז בא אים, צום באַדויערנ, שלעכט, שלעכט און שלעכט...

.4

וואָס ווייַטער איז געווענ, איז שוינ זייער גרינג זיכ אָנצושטויסנ. זשאָרזשיק, אַז ער וויל, קאָנ ער. די לערער און שילער האָבנ זיכ גאָרניט געקאָנט אָפּוווּנדערנ פונ דעם, ווי דאָס ייִנגל האָט זיכ גענומענ צום לערנענ, און פייַלינג, אַז ס'איז געקומענ צו די אויספּרוּוונ, האָט שוינ די לערערנ געלי ִנט זשאָרזשיקנ: גוט, גוט, זייער גוט.

— נו, — האָט זי זיכ מיט פרייד אָנגערופנ צו אַלע קינדער, — איצט זעט איר שוינ, וואָס הייסט זיכ נעמענ אינ די הענט?

— אָט וועל איכ אייַכ באַלד ווייַזנ, — האָט זשאָרזשיק אינ אַ געלעכטער איבערגעכאַפּט יענע כאָכמע, וויאַזוי מע נעמט אַרומ מיט די הענט דעם קאָפּ, דאָס האַרצ און די זייַטנ.

— קוקט, סאָפיע מאַרקאָווינע, — זאָגט ער, אָט אַ נעמ איכ זיכ אינ די הענט.

און אַלע קינדער, ווי אויכ די לערערקע און זשאָרזש, האָבנ אָנגעקוואָלנ, וואָס ס'האָט זיכ אַלצ אַזוי גוט געענדיקט.

אמאָל איז געווענ, אָדער די וועלט איז קײַלעכדיק

דאָ ווערט דערציילט וועגנ דעמ נײַעמ אײַזנבאנ, וועגנ דער באָבע סאָרע־קיילענ, וויאזוי זי פאָרט אויסקוקנ א וועלט, וויאזוי די באָבע קיילע מאכט אנ אנטדעקונג אונ פארשאפט זיכ אסאכ פרייד מיט דעמ.

פונ קיינ עראָפּלאנענ האָט מענ נאָכ ניט געהערט, קיינ אווטאָמאָבילנ האָט מענ נאָכ אינ די אויגנ ניט געזענ אונ אפילע מיט קיינ באנ איז נאָכ ניט יעדערער געפאָרנ, — אָט דעמלט האָט זיכ עס געטאָנ.

דורכ דעמ שטעטעלע סניטקאָווקע האָט אָנגעהויבנ גיינ דער נײַער אײַזנבאנ. אלט אונ יונג זײַנענ געלאָפנ קוקנ אפ די „וואונדער“, וויאזוי מע זעצט זיכ עס אריינ — אסאכ, אסאכ מענטשנ אינ א שטוב, אונ סע פאָרט זיכ, מע פארשפאָרט גאָר אָקסנ אונ מע פארשפאָרט גאָר פערד. פונפאָרנט שטייט צוגעשפאנט א שווארצע „שקאפע“ מיט רעדערדיקע פיס אונ מיט אײַזערנע געדערימ, וואָס הוסט מיט רויכ אונ אָטעמט מיט פײַער. יעדער ניס, וואָס זי גיט, דערהערט מענ פאר א ווערסט, אונ אז זי טוט א רעווע, ציטערט אונטער איר די ערד. אזא מינ שקאפע גייט עס דאָרט געשפאנט. זײַנענ טאקע די סניטקאָווקער לײַט געקומענ אונ זיכ ניט געקענט זאט אָנקוקנ אונ זיכ אָנכידעשנ צו זעט.

אנדערע, די מערער גליקלעכע האָבנ טאקע אײַנגעשטעלט. זיי האָבנ זיכ געקויפט ניט קיינ טײַערע באנ־בילעטנ אונ זײַנענ זיכ דורכגעפאָרנ: ווער ס'איז געפאָרנ צוליב האנדל, ווער ס'איז געפאָרנ דינגענ אונ זיכ זוכנ ארבעט אינ דער פרעמד, אונ אנדערע זײַנענ גלאט געפאָרנ אויסקוקנ א וועלט.

אונ דאָ האָט זיכ דער באָבע קיילענ, דער אַלטער סניטקאָווקער בייגל־בעקערנ, אויכעט פארגלוסט זיכ אופזועצנ אפנ באנ אונ מאכנ א נעסיע. ווער ווייסט, וויפל ס׳איז נאָכ איר באשערט צו לעבנ. אונ גלאט אזוי אוועקשטארבנ אונ קיינ איינ מאָל מיט דער באנ ניט פאָרנ, דאָס האָט זי ניט געוואָלט.

וואָהינ צו פאָרנ האָט זי פארשפאָרט לאנג טראכטנ. אינ גרינשפוליע, פאר דרײַ שטעט פונדאנענ, וווינט א זייגערמאכער מיטנ נאָמענ פישל. איז דער דאָזיקער פישל אקוראט אירער — סאָרע־קיילעס — אנ אייגענער ברודער.

קיינ סאכ ברידער האָט זי ניט, די באָבע קיילע, אונ זי האָט זיי, דעמ עמעס געזאָגט, קיינמאָל ניט געהאט — ער איז טאקע בא איר אנ איינ אונ איינציקער, אונ זינט זי האָט זיכ מיט אים געזענ איז, פארשטייט איר מיכ, דורכגעגאנגענ ניט קיינ סאכ אונ ניט קיינ ביסל, אָבער פיר אונ צוואנציק יאָר איז שוינ דאָ אינ דערינענ. וויל זי ניט הערנ, וויאזוי די אייניקלעכ מיט די טעכטער רעדנ זי אָפּ פונעמ פאָרנ. וויבאלד די באָבע קיילע זאָגט פאָרנ, וועט עס שוינ זײַנ געפאָרנ.

זי האָט זיכ דערפרעגט בא לײַטנ, וויאזוי מע פאָרט קיינ גרינשפוליע, צי דארפ מענ מיט זיכ ניט מיטנעמענ אזעלכע כאלאָשעס־טראָפּנ, קעדיי דאָס פאָרעכצ זאָל איר ניט פארשאטנ, אונ וויפל מאָל דארפ זיכ דער נײַער אײַזנבאנ אָפּשטעלנ, ביז ער וועט קומענ קיינ גרינשפוליע. וועגנ אלצ האָט די באָבע קיילע אויסגעפרעגט.

אונ אזויווי דער טאָג דינסטיק איז געוועזנ פארעכנט פאר א גוטנ טאָג, האָט זיכ די באָבע קיילע אויסגעקליבנ דעמ ערשטנ דינסטיק אונ איז אינ א גוטער שאָ ארויסגעפאָרנ.

זי האָט אָפּגעציילט, וויפל מאָל דער באנ האָט זיכ געדארפט אָפּשטעלנ ביז גרינשפוליע, אונ איז אראָפּ אינ שטאָט ארײַנ. באלד האָט די באָבע קיילע געפרעגט בא די מענטשנ, ווו ס׳וווינט דאָ דער זייגער־מאכער. האָט מענ זי אהינ אוועקגעפירט, וואָרעמ דעמ זייגער־מאכער האָט מענ דאָ אלע אינ שטאָט גוט געקענט, אונ יעדערער האָט געוווסט, ווו ער וווינט.

די באָבע קיילע איז שוינ געגאנגענ נישט אלייננ, ס׳האָבנ זי געפירט מענטשנ אסאכ. אונ ווײַט זי פירנ האָט מענ פארשפאָרט, וואָרעמ אָט איז דאָכ שוינ די שטוב.

אז די באָבע קײלע איז אהײנ ארײַנ, האָט זי געטראָפנ דעמ אלטנ זײגערמאכער באמ טיש זיצנדיק, מיט א װײַבערשער שאַל אפ די פּלײצעס. ס'איז שוינ אװאדע ניט יענער פישל, װאָס איז אמאָל געװענ — נעבעכ אלט אונ געבױגנ. נישקאָשע, די אלטקײַט מאכט א גוטנ טעל פונ א מענטשנ. עפּעס א קלײניקײַט — פיר אונ צװאנציק יאָר זיכ ניט געזענ! אונ זי איז אימ ארופגעפאלנ אפנ האלדז, װי ס'פּאסט פאר אזא מינ פײַערלעכער שאָ. אָבער דער אלטער זײגערמאכער האָט זיכ קױמ ארױסגעריסנ פונ דער באָבע קײלעס הענט, אונ ער איז געװאָרנ אזױ בײז, אז ער האָט זיכ אזש פארהוסט.

— זע גאָר, — מאכט די באָבע קײלע, — אזױ באגעגנט מענ עס א שװעסטער, מיט װעלכער מע האָט זיכ פיר אונ צװאנציק יאָר ניט געזענ?

אָבער דער אלטער זײגערמאכער איז געװאָרנ נאָכ בײזער אונ האָט זיכ צעשריגנ פאר איטלעכנ אינ די אױגנ, אז ער בעט זי זאָל ניט מאכנ קײנ שטיק. ער האָט קײנ מאָל אפ זײַנ לעבנ ניט געהאט קײנ שװעסטער אונ ניט געװאָלט קײנ שװעסטער, אונ ער װיל זי איצט אױכ ניט!

— אהא, פישעלע, גאָר אזױ די מײַסע? — האָט שוינ סאָרע־קײלע אָנגעהױבנ גאָר אפ אנ אנדער אױפנ.

דערהערט דעמ נאָמענ „פישל" איז דער אלטער אזש אונטערגעשפרונגענ:

— װאָס? — זאָגט ער, — פישל איז אײַער ברודער, אָט, אָט יענער אָ, דער באָנדער פונ גרינשפּוליע??? אָט אזױ־זשע רעדט!... טאָ פאָרט זשע, זײַט מוחל, אהינ — קײנ גרינשפּוליע!...

אונ די באָבע קײלע האָט זיכ דערװוסט אײנ קלײניקײַט, אז זי איז אראָפּ אביסל צו פרי... זי איז אראָפּ קײנ סאָראָקיװקע אונ מע האָט זי פארפירט צומ אלטנ אונ בײזנ זישענ, װאָס איז אינ קאַנ אפ דער גאנצער װעלט זײגערמאכערס אונ צװישנ זײ אױכ אפ דער באָבע קײלעס ברודער, אונ דערפאר האָט ער אפ אימ געזאָגט „באָנדער".

נו, אױב אזױ, האָט די באָבע קײלע באשלאָסנ, װעט זי ניט מאכנ קײנ סאכ טײַנעס אונ װעט גיכער לױפנ צוריק צו דער באנ... גאָרניט

קײנ סאכ פּאָרעכצ אונ ט׳וועט שוינ מאקע זײַנ ניט סאָראָקיווקע, נאָר די עמעסע גרינשפּוליע.

די באָבע האָט אָפּגעצײלט דריבנע געלט פונ דער פּאטשײלע אונ האָט ווידער געקויפט א בילעט אונ זיכ ארײַנגעזעצט אינ באנ.

וויאזוי מע פאָרט מיטנ נײַעמ אײַזנבאנ ווייסט זי שוינ. אונ אז דער באנ האָט זיכ אָפּגעשטעלט, איז זי אראָפּ שוינ אינ דער נײַער שטאָט, וווּהינ זי האָט געדארפט, אונ די נײַע שטאָט איז איר, דעמ עמעס געזאָגט, זײער געפעלנ געוואָרנ. דאָ איז איר אלצ מיטאנאנד זײער שטארק געפעלנ געוואָרנ דערפאר, ווײַל די נײַע שטאָט איז מיט אלע פּישטשעווקעס געראָטנ אינ איר הײמישער שטאָט, אינ סניטקאָווקע: די זעלבע פלויטנ, די זעלבע גערטנער, די זעלבע הײַזער, פּונקט ווי בא איר אינ איר אײגענער שטאָט.

אז זי האָט לעבנ באנ א פרעג געטאָנ בא די מענטשנ, וויאזוי גײט מענ צומ היגנ זײגערמאכער, האָט מענ איר געענטפערט, אז דאָ אינ שטאָט איז קײנ זײגערמאכער ניטאָ... אמאָל מיט אסאכ יאָרנ צוריק איז דאָ דאפקע געווענ אנ אײגענער זײגערמאכער, נאָר ער האָט כאסענע געהאט אינ אנ אנדער שטאָט אונ אהער קומט ער מער ניט.

שוינ ווײַטער עפּעס א צאָרע, האָט די באָבע קײלע א זאָג געטאָנ צו זיכ אלײנ. נאָר אזוי ווי זי האָט פײַנט געהאט זיכ נעמענ פונ יעדער נארישקײַט צומ הארצנ, האָט זי ניט געמאכט פונ דעמ קײנ איבעריקנ ראש אונ איז אוועק ווײַטער, טאָמער וועט איר א צווײטער עפּעס געבנ בעסער צו דערקלערנ.

— וואָס? איר זײַנט ניט קײנ היגע? — האָבנ זיכ געוווּנדערט די איבעריקע מענטשנ.

— א מאָשל אביסל! — האָט די באָבע קײלע מיט שטאָלצ געענטפערט, — א טאָג א יאָר, אז איכ פאָר מיט דעמ נײַעמ אײַזנבאנ, אונ איכ זאָל נאָכ אלצ זײַנ א היגע?.. איכ פאָר צו גאסט, צו מײַנעמ א ברודער פאָר איכ.

אונ זי איז אוועק ווײַטער.

אָבער_וואָס ווײַטער זי גײט, איז אלצ מער איר געפעלנ די נײַע שטאָט. „ס׳זאָל גאָר פעלנ א האָר — סניטקאָווקע״.

„צווײ לײַבלעכע שוועסטער זײַנענ גאָר ניט אזוי געראָטנ אײנע אינ דער אנדערער, ווי די דאָזיקע צווײ שטעט זײַנענ געראָטנ״.

אַגנאָ איז א גאס, — איז עס פונקט איר גאס!... אַגנאָ איז א שטוב, איז עס פונקט איר שטוב!

— אגו, — קלערט די באָבע קײלע, — אהער מוז איכ ארײַנגײַנ, איכ זאָל אפילע ווײסנ, איכ־ווײס־ניט־וואָס! איכ מוז א קוק טאָנ, וואָס פאַר א מינים מענטשנ ווױנענ עס דאָ. מע וועט דאָכ מיכ, כאָלילע, פונדאַנעט ניט ארויסטרײַבנ...

און ווי די באָבע האָט נאָר אנ עפנ געטאָנ אהינ די טיר, אזוי האָט איר א שלאָג געטאָנ מיט באקאנטנ בײגל־געבעקס, און ס׳זײַנענ איר ארויסגעלאָפנ אירע אײגענע טעכטער מיט די אײניקלעכ אנטקעגנ.

— מאמע, אזוי גיכ? — האָבנ זי די טעכטער א פרעג געטאָנ.

— באָבע, אזוי גיכ? — האָבנ זי די אײניקלעכ א פרעג געטאָנ. — נו, וואָס מאכט עפעס דער פעטער פישעלע???

די באָבע האָט אופגעהויבנ בײדע הענט ארוף. טרערנ פונ פרײד האָבנ זיכ איר געשטעלט אינ די אויגנ, און זי האָט אזוי געזאָגט:

— אכ, מײַנע ליבע קינדער, ס׳איז דאָכ וווּנדער איבער וווּנדער. ווענ ניט דער נײַער אײַזנבאנ, וואָלט איכ דאָכ קײנמאָל ניט געוווּסט, וויאזוי די וועלט איז קײַלעכדיק, איצט וועל איכ שוינ, מירצעשעם, אלע יאָר זענ פאָרנ מיט דעם נײַעם אײַזנבאנ, נאָר צוליב פארגעניגנ.

די קינדער האָבנ גיכער געגומענ גרײטנ צום טיש פונ זײער ליבנ גאסט וועגנ, און די באָבע קײלע, וואָס האָט זיכ שוינ טאקע זײער אויסגעהונגערט פארנ טאָג, האָט זיכ מיט גרויס בײשעק צוגעכאפּט צו דער וועטשערע, אָבער זי האָט זיכ נאָכ לאנג ניט געקענט אָפּלויבנ פונ דער וועלט מיט אירע כידושימ און פונ דער נײַער אײַזנבאנ, וויאזוי מע פאָרט און מע טרעפט צוריק אפנ זעלביקנ אָרט!!!

די נאשערנ

דאָס איז דער מומעס קאַצ. א שווארצע מיט ווײַסע פלעקנ.

מיר האָבנ זי הײַנט אלע געטריבנ פונ שטוב. אונדזער האָס איז געווענ אזוי גרויס צו איר, אז מיר האָבנ זי אפילע ניט געשלאָגנ, נישט געשטופט מיטנ פוס, ווי סע מאכט זיכ אָפט. מיר פלעגנ זיכ נאָר אָפּקערנ פונ איר. אונ עפּשער האָבנ מיר זי נישט געטשעפּעט דערפאר, וואָס אָט דאָ־אָ פונ יענער זײַט וואנט (בא דער מומענ אפנ אויוונ אינ זיפּ) האָט זי פיר קליינע קעצעלעכ, שווארצע מיט ווײַסע פלעקנ, אזוי ווי זי אליינ, אונ דאפקע שיינע — אויכ ווי זי אליינ.

„נאשערנ“ — האָט איר די מאמע אונדזערע א נאָמענ געגעבנ. מיר אלע אינ שטוב האָבנ פונ איר קיינ שלעכטס נישט ארויסגעזענ, נאָר די מאמע, אז זי זאָגט, וועט זי אינ דער וועלט ארײַנ נישט זאָגנ.

בא אונדז אינ פאָדער־הויפ, עטוואָס נעענטער, אנטקעגנ אונדזערע פענצטער, שטייט א שטיקל כורוועלע, וואָס איז אמאָל געווענ א גאָר־באַרניע, נאָר איצט איז דאָס פונ אלטקײַט אָפּגעלאָזנ אונ ס׳פּוסטעוועט מיט פארמאכטע טירנ אָנ שלעסער, אינ דאָס הויפל, וואָס איז פאר דעמ געווענ, איז איצט אויסגעאקערט, ארומגעצוימט אונ פארזייט מיט גאָרטנ־וווארג.

אקוראט קעגנ אונדזערע שטוב־פענצטער געפינענ זיכ צוויי־דרײַ לאנגע שמאָלע בייטלעכ מיט מעזשעס בא די זײַטנ. איכ קומ זעלטנ אהינ. דער טאטע מיט זײַנ אלטער ווײַסער באָרד אונ מיט די פארקאטשעטע ארבל פאָרעט זיכ דאָרט אָפּטער: ער באגיסט פונ א פענדל די מערנ, וואָס ווילנ ניט אופגיינ (מע האָט זיי שפעט געזעצט), ער שטעקט ארײַנ טיטשקעס אינ די פאסאָליעס. בא דעמ העלפ איכ אויכ אונטער. איכ טראָג צו די פאראיאָריקע טיטשקעס פונ שטאל. אונ די שטעקנס, בא

וועלכע די שפיצנ זײַנען צוגעטעמפט אָדער אונטערגעפוילט, טעטעט הערשל צו מיטנ העקעלע אפ א קלעצל. מײַנ קלענערער ברודער הערשל איז א הויכ, דאר ייִנגל. ער האָט שווארצע אויגנ, שטארק שווארצע האָר אונ קרעפטיקע מוסקולנ אפ כידושימ. אײַ, קלעטערט ער גוט! ער דארפ הײַנטיקס יאָר אָנקומענ אינ טעכניקומ. די זיבניאָריקע שול האָט ער נאָכ פאראיאָרנ געענדיקט.

אז ער האָט געענדיקט מעסטנ די טיטשקעס, האָט ער זיכ מײַסטער־גרויסער אָנגעשפארט אינ שטאל־טויער אונ עפעס גענומענ אכטונג געבנ מיט זײַנ בליק. ער האָט א טעווע, הערשל, פלינק צו באמערקנ זאכנ, וואָס טוענ זיכ ארומ אונדז. בא אימ זײַנענ אי דאָס אויג, אי דער געהער שארפערע, ווי בא מיר.

— ביסט א מייונ, — מאכט ער צו מיר, — אָט אפ דעמ אָ פייגעלע? עפעס אזוי ווי ס'קריכט אלײַנ אינ די הענט ארײַנ.

איכ האָב לאנג געזוכט מיטנ אויג, וואָס פאר א פייגעלע ער מיינט. דאָ פליִענ ארומ פייגעלעכ אסאכ. ערשט — ס'טאקע ריכטיק! נאָענט לעבנ אונדז, אפ א נאָרוואָס ארײַנגעשטעקטער טיטשקע מיט א צווײַגעלע פונויבנ, שטעלט זיכ עס אוועק, טוט זיכ א הוידע — צי ס'ווילט זיכ מיט אונדז רייצנ, צי שפילנ, אונ עפשער פארשטייט עס ניט, אז פאר מענטשנ מעג מענ זיכ אמאָל צוהיטנ.

פונ דער טיטשקע איז עס איבערגעפלויגנ אפנ דעמבענעמ טשאסטאָקאָל, וואָס צו דער מומעס הויפ צו. אונ דערנאָכ צוריק אפ דער זעלבער טיטשקע. אונ ס'פילט זיכ, אז איִ דעמ אומפליִענ היִנ אונ צוריק איז דאָ א ספעציִעלע ווענדונג אונ ציִונג צו אונדז, אירע צווייפיסיקע שכיינימ, אזויווי ס'וויל אונדז עפעס זאָגנ, אונ ס'קענ נישט.

אנומלטנ זײַנענ געקומענ צוויי ייִנגלעכ, הערשלס כאוויירימ, מיט זעק אפ די פלייצעס, מיר זאָלנ זיי דערלויבנ אראָפקלײַבנ דאָס אלטווארג פונ אונדזער בוידעמ.

ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ שטעטל די קאמפאניע פונ קלײַבנ אלטווארג צומ אוטיליזירנ. איכ האָב שוינ געוווסט, נאָכ וואָס זיי זײַנענ געקומענ, ווײַל מיט א שאָ צוריק איז מײַנ ברודער אויכ אוועק מיט א פאָר כעוורע, אויכ איבער די בוידעמער זוכנ אלטווארג.

— קומט, — זאָג איך צו די כעוורע, — איך וועל אײַך אַרײַנפֿירן אין אונדזער פּאָסטקעלע אַרײַן, דאָרט קען זיך וואַלגערן אַלטע אײַזערנע רייפֿן און נאָך ברוכהוואַרג.

מיר זײַנען אַריבערגעקראָכן אין גערטל אַרײַן, אויפֿגעעפֿנט די טיר אָן דעם שלאָס, וואָס האָט זיך שווער געעפֿנט, ווײַל די צאַווייסעס זײַנען געווען פֿאַרזשאַווערט, און פֿאַרן שוועל איז אָנגעוואַקסן אַסאַך גראָז. דאָרטן האָבן מיר טאַקע געטראָפֿן עטלעכע פֿאַרזשאַווערטע אײַזערנע רייפֿן און אַסאַך וואָלאָקעס, אָדער אַפּ פֿראָסט לאָשן — האָר פֿון בעהיימישע ווידלען. די ייִנגלעך זײַנען געוואָרן פֿריילעך: מעטאַל און האָר זײַנען גאָר גוטע מינים.

אײַן כעוורעמאַן אין הערשלס יאָרן טוט אַ וועג דעם זאַק אין ביידע הענט און רופֿט אויס מיט אַ סימכע:

— איך האָב אָבער געזאָגט, אַז מיר זאָלן נעמען די בוידעמער.

— און טאָמער איז עס נישט קיין בוידעם?... — האָט דער צווייטער אַ שפּעט געטאָן.

— ס׳מאַכט נישט אויס. אַ פּאָסטקע און אַ בוידעם איז אַלצאיינס.

איך האָב זיי אַרויסגעלאָזן, זיי פֿאַרגעבן די זעק אַפּ די פּלייצעס. זיי זײַנען שוין אַריבער דאָס פּלויטל און אַוועק, ווי מיט אַ היפּשן אויצער, און איך מאַך צו די טירן. פּלוצעם טוט מיר אַ פֿלי אַ פֿייגעלע אַנטקעגן און שטעלט זיך אַפּ דער זעלבער טיטשקע, דערנאָך אַפּן זעלבן פּלויט, וואָס פֿריִער.

זע נאָר, ס׳בײט דאָס זעלבע פֿייגעלע? וואַרט נאָר, קלער איך, פֿונוואַנען־זשע איז עס נאָרוואָס אַרויסגעפֿלויגן? מיר שײַנט, אַז פֿון דעם אָ עק באַלקן, וואָס שטעקט אַרויס פֿון אונטערן דאַך אָהער צום גערטל צו, פּונקט איבער דער פּאָסטער טיר, דורך וועלכער מיר זײַנען ערשט געגאַנגען.

איך טו אַ קלעטער אַהין. דאָס פֿייגעלע פֿליט נאָענט צו מיר, ס׳וויל מיך ערגעץ אָפּווענדן. אָבער איך הער זיך שוין נישט צו, איך קלעטער אַפּ די לײַסטן פֿון דער טיר.

ע, גוטער ברודער! איז דאָך עס טאַקע נישט פֿראָסט. נו, יאָ, איך האָב דערזען לעבעדיקע נעפּאַשלעך אין אַזאַ אָרט, וווּ איך האָב זיך אַפּ דעם קיינמאָל נישט גערעכט.

וויפֿל?

פיר נאַקעטע העלדזעלעך, דינע! גרויסע קעפּ מיט אָפענע פּיסקעס. ס׳זיי הייס, זיי זײַנען אָן קראַפט...

דאָס פייגעלע, די מוטער, ערגערט זיך נעבעך, זי פליט בײַ מיר ארום מאמעש איבערן קאָפּ. איך מוז אוועק פונדאַנען, לעמײַ זאָל איך איר אָנטון אומזיסטע יסורים? אָבער נאָך איין קוק.

איך בין אַראָפּגעקראָכן, איז אָנגעלאָפן בעבעלע און נאָך קינדער.

— נאָך וואָס ביסטו געקראָכן אהינצו, איציק? זאָג, נאָך וואָס?

איך וואָלט זיי גערן אָנגעזאָגט, אַז גאָר נישט אזוי הויך געפינען זיך יונגע, פּיצעלעך פייגעלעך אין אַ נעסטעלע. אזעלכע יונגינקע, מיט גרויסע קעפּ און צעעפנטע פּיסקעס. ס׳זיי הייס... אָבער טאָמער וועלן זיי זײַן ניט גענוג פאָרזיכטיק, איז אַ שאָד, ניט קעדײַ.

— דאָס בין איך געקראָכן, — זאָג איך, — אַ קוק טון, צי ס׳איז דאָ פון די יינגלעכס וועגן נאָך אלטוואַרג.

— אהא, — זאָגט בעבקע, — איך האָב זיי געזען. ס׳דאַך הערשלס כאווירים, זיי זײַנען ערשט אוועק דורכן קליינעם געסל.

איך האָב זיך קאָם דערוואַרט אַפ הערשלס קומען. ער האָט זיך באַרימט, אַז אין שפּיטאָל אַפן בוידעם האָבן זיי אָנגענומענע שטיקער בראָנזע פון אַ צעבראָכענעם הענגלאָמפּ און נאָך שמאַטעס זייער טײַערע. זיי האָבן זיי קאָם דערשלעפּט צום „פונקט“.

און איך דערצייל אים פון מײַן געפינס.

— איצט פאַרשטייסטו שוין, פאַרוואָס דאָס פייגעלע איז דעמלט ארומגע־פלויגן לעבן אונדזערע סאַמע הענט? דאָס האָט עס אונדז געוואָלט אָפּ־ווענדן פונדאַנען, מיר זאָלן זיך דאָ איבעריקס נישט ארומדרייען. ביסט אַ מייווין, ווי ס׳האָט סייכל?

הערשל האָט זיך נאָר אײַנגעוואַשן נאָך דער בוידעם־אַרבעט און איז ארויס מיט מיר. איך ווײַז אים, און מיר היטן זיך, קיין קינדער זאָלן דאָרט נישט זײַן. פאַר מענטשן, וואָס זײַנען נישט געוווינט עס זען, איז אַ וווּנדער צו קוקן. אייעלעך פייגלשע אין אַ נעסט איז מיר שוין אויסגע־קומען צו זען, נאָר לעבעדיקע פייגעלעך, פּיצינקע — קיינמאָל נישט.

איצט האָבן מיר באַמערקט, אַפּווענדן פונדאַנען ווילן אונדז צוויי פייגעלעך מיטאַמאָל. ווער דאָס צווייטע פייגעלע איז, פאַרשפּאָרט מען זיך לאַנג שטויסן. מיר ווילן פאַרגרינגערן די עלטערן אין דער שפּײַז־

פראגע אונ מיר טראָגנ אהינ אונטער פונ מאָל צו מאָל אינ א בלעכנ דעקעלע וואסער אונ ברעקלעכ ברויט מיט געקאָכטע שטיקלעכ בולקע.

מיר זאָגנ ביידע ארויס די האָפענונג, אז די פייגעלעכ — די עלטערנ וועלנ זיכ אינגיכנ צוגעוווינענ צו אונדז. זיי וועלנ זענ, אז מיר ווילנ נישט זייער שאָדנ.

איינמאָל האָב איכ זיכ נישט אײַנגעהאלטנ אונ אוועקגעפירט אהינ בעבקענ. בעבעלע גייט שוינ אינ צווייטנ קלאס. זי׳ר וועט ווערנ אינגיכנ נײַנ יאָר, האָט זי מיר צוגעזאָגט, -אז זי וועט קיינ קינדער אהער נישט פירנ אונ וועט קיינעמ פונ דעמ קיינ וואָרט ניט זאָגנ.

איכ הייב זי אונטער. זי ווייסט נישט פאר צעטראָגנקײַט, ווו צו זוכנ.

— אוי, — שרײַט זי פלוצעמ אויס, — ס׳ארא פיצינקע! ס׳ארא ברעקע-לעכ! — אונ אויכ בא איר אינ טאָנ איז דאָ אי הארציקײַט, אי דערשרעק, אזוי ווי מיר קענענ זיי נאָכ מיטנ איינעמ קוק עפעס קאליע מאכנ.

אונ דאָס נעסטעלע איז אזא קליינס, אזא גרינגס, אז איכ וווּנדער זיכ, וויאזוי טראָגט עס דער ווינט ניט אוועק. כאָטש, אז מע וויל זאָגנ, איז עס גוט פארטיידיקט. דער דאכ פארשטעלט עס הארט פונויבנ, פונ איינ זײַט איז דאָ א ווענטל פונ א צופעליק קלעצעלע, הינט די וואנט גופע פונ דער צווייטער זײַט אונ דער באלקנ. אייגנטלעכ איז עס טאקע פארשטעלט פונ אלע זײַטנ אונ אפילע דער רעגנ קענ אהער נישט פארשמײַסנ.

טאָג אונ טאָג כאַפ איכ א קוק צו מײַנ באהאלטענעמ פארמעגנ. איכ האלט סאָד. איכ האָב נאָר דערציילט דעמ טאטנ מיט דער מאמענ, גע-פעלט זיי, וואָס פייגעלעכ האָבנ אזא פארשטאנד, וויאזוי זיי פליענ עס ארומ נאָענט, קריכנ מאמעש אינ די הענט ארײַנ. אונ אז מיר דערנע-ענטערנ זיכ צו זיי, פליענ זיי אָפ ווײַטער אביסעלע, אונ דערנאָכ נאָכ ווײַטער, אונ ווידער נעענטער צו אונדז, אונ דערנאָכ ווידער אינ א זײַט. אזוי פירנ זיי אונדז ארויס פונ גערטל, פונ הויפ, אונ ערשט דענסטמאָל סטײַענ זיי ניט. זיי טוענ זיכ מיטאמאָל א הייב איבערנ דאכ, כאפנ א א קוק פונדערווײַטנס, צי אלצ איז אינ אָרדענונג, בארויקנ זיכ, אונ איינס פונ זיי פליט אוועק נאָכ שפײַז.

אָט דאָס איז שיינ.

איינמאָל אינדערפרי עסנ מיר אָנבײַסנ. דער טיש איז לעבנ די סאמע פענצטער. די פענצטער קוקנ צעעפנט אינ גערטל ארײַנ, צומ שטיקל

ארויסגעשטעקטנ באלקנ, כאָטש קיינ פייגעלעכ מיט קיינ נעסטעלע זעט מענ פונדאנענ ניט ארויס, מע זאָל אפילע קוקנ אינ א בינאָקל.

דער טאטע פאָרעט זיכ עפעס אקוראט אינ גערטל. ער שטייט אפ קעסיידער פריער פונ אונדז, אונ ביז דער צײַט, וואָס מע דארפ אוועקגיינ אינ ארטעל, פאָרעט ער זיכ ארומ די בייטנ.

— טאטע, טו זי נאָר א טרײַב! — האָט הערשל ארויסגעשריגנ ניט מיט זײַנ קאָל.

— וואָס איז געשענ? — איכ טו א שפרונג צומ פענצטער, אָבער דער טאטע האָט שוינ דערזענ, אפ וואָס הערשל ווײַזט אימ, אונ האָט געגעבנ א שמײַס מיט דעמ שטעקנ פונ דער קאָסע. ער האָט פונקט געשניטנ גראָז אפ דער מעזשע. אונ פונ באלקנ איז פײַל־אויסנ־בויגנ אראָפגעשפרונגענ דער מומעס קעצל, דאָס שווארצע מיט די ווײַסע פלעקנ — די נאשערנ.

דער טאטע האָט א קלעטער געטונ אפ דער טיר. איכ מיט הערשלענ זײַנענ שוינ פיידע געווענ דאָרט לעמ פלויט, ביידע שטארק דערשראָקענע. מיר האָבנ זיכ אויסגעמאָלט, וואָס פאר אנ אומגליק די קאצ האָט דאָרטנ אָנגעטונ. אָבער אינ מויל האָט זי, דאכט זיכ, גאָרנישט ניט געטראָגנ, בעשאס זי איז אראָפגעשפרונגענ.

דער טאטע זאָגט מיט נישט קיינ פריילעכער שטימ.

— שוינ לאנג דאָס אָרט פארקילט געוואָרנ.

מיר איז געוואָרנ פונ די ווערטער ליידיק אינ הארצנ. איכ בינ געקראָכנ אהינ מיט דער זעלבער שרעק פונ ליידיקײַט: יאָ, שוינ טאקע דאָס אָרט פארקילט געוואָרנ...

ניטאָ שוינ אפילע דאָס נעסטעלע.

מיר קריכנ אראָפ. דאָס נעסטעלע וואלגערט זיכ אינ גראָז א גאנצס, אנ אויסגעפלאָכטנס, ווי א קליינטשיק היטעלע פונ היי.

ווײַזט אויס, אז די נאשערנ האָט זיכ נאָכ באנאכט דאָ אופאָרעט מיט אלעמענ, אונ איצט איז זי געקומענ נאָכאמאָל. ס'איז איר געווענ זייער צומ טאמ. בא איר זײַנענ דאפקע אויכ דאָ פיר קינדער, פונ הײַנטיקנ פרילינג געבאָרענע, שווארצע מיט ווײַסע פלעקנ, בייגעווודיקע אזעלכע. זיי האלטנ שוינ אָפנ די אויגנ אונ קריכנ ארומ איינס איבערנ צווייטנ אינ זיפ בא דער מומענ אפנ אויווג.

מיר האָבנ זי נישט געשלאָגנ, אז זי האָט זיכ צו אונדז ארײַנגעכאפט, זי נישט געשטורכעט מיט די נעזער פונ די שיכ. זי איז אונדז

נאָר געווענ איטלעכנ זייער מיעס. אפילע די קלײנע בעבקע האָט זי דעמ גאנצנ טאָג פײַנט געהאט.

אונ די גרויסע פײגעלעכ זײַנענ, ווי אפ א סרײפע־פלאצ, א פאָר מאָל צעטראָגענערהייט דורכגעפלויגנ — אונ זיכ מערער אהער נישט גע־וויזנ. ס'האָט שוינ זיי ניט אויסגעמאכט, צי מיר גײענ ארומ אינ גערטל צי ניט.

איכ זאָל זאָגנ, אז זיי זײַנענ אוועק ערגעצ בויענ א צווייט נעסטל אונ לייגנ א צווייט מאָל אײעלעכ? דער זומער איז נאָכ גרויס!

— אָנאָ קריכט זי שוינ אהער, די וויסטע נאשערנ! — קענ זיכ הערשל נישט אײַנהאלטנ אונ רופט אויס מיט עקל: — שטופ זי נאָר דאָרט אראָפ, בעבקע, אונ מאכ צו דאָס פענצטער.

שטעלמאהאָ

שטעלמאהאָ פּיאָטער איז אנ אלטער מאנ. אז מע גיט אים א פרעג, וויפל איז ער אלט, טוט ער א מאכ מיט דער האנט, דאָס זאָל הייסנ: ווער קאָנ זיכ דאָס אָנגעדענקענ! שוינ בא די פופציק יאָר, אז ער איז פּאסטעכ אינ דאָרפ צאָטשענ. פריִער אינ עקאָנאָמיע, באמ דידיטש, דערנאָכ — באמ דאָרפ. ער קאָנ ניט לייענענ, ער קאָנ ניט שרײַבנ, נאָר אינ דער געגנט איז ער געניט. ער איז שוינ דאָ אויסגעגאנגענ דעמ וואלד אינדערלענג אונ אינדערברייט, ווייסט, ווו יעדער ריטשקעלע געפינט זיכ, ווו יעדער קוסט, איצט איז ער פּאסטעכ אינ צאָטשענער קאָלווירט.

— אלטע לײַט, — זאָגט ער, — האָבנ נאָכ אמאָל אויכ געזאָגט, אז ס'וועט ווערנ גוט אפ דער וועלט. אָבער ווער האָט זיכ געקאָנט ריכטנ, אז ער, שטעלמאהאָ, זאָל עס דערלעבנ זענ מיט זײַנע אויגנ.

— ווונדער איבער ווונדער, — מאכט ער, — אכ, ווענ דער אמאָליקער דידיטש זאָל אופשטיינ פונ קייווער אונ א קוק טונ, וואָס דאָ טוט זיכ, וואָלט ער צעפּלאצט אונ צעשפּרונגענ געוואָרנ. מע וואָלט אים נאָכ־אמאָל מוזנ באגראָבנ.

– — די קונדײסימ מאכנ דאָכ בא־אימ אינ די פּאלאצנ גימנאס־טיקעס.

סע געפעלט אים גוואלדיק, וויאזוי די כעוורע מאכנ גימנאסטיק. אונ די שטאָטישע פּיאָנערנ האלטנ לאגער ניט ווײַט פונ צאָטשענ. טרײַבט ער אהינ נאָענט די טשערעדע, אונ ער איז מיט דער כעוורע א גאנצער גוטער ברודער. ער הערט זיכ צו, וואָס זיי לייענענ, וואָס זיי שפּילנ.

— זיידינקע שטעלמאהאָ, — מאכט איינמאָל צו אים דער קלייִנער זעלמל, — וואָס טוסטו ווינטער, ווענ דאָס פּי־שטייט אינ די שטאלנ?

— ווינטער, — זאָגט ער, — היט איכ באנאכט די קאָאָפּעראַציע.

— איז א קאָאָפּעראַטיוו ביסטו א היטער?

— אָט־טאָ! בא דער קאָאָפּעראַטיווער קראָמ גיי איכ ארומ איבער די נעכט מיט א פּעלצ אונ מיט א קאָלאָקאָטקע.

— נו, אונ באטאָג וואָס טוסטו?

— באטאָג? גאָרניט. אביסל שלאָפט מענ אונ אביסל גלאט אזוי.

— נו, אויב גלאט אזוי, — מאכט זעלמענקע, — איז גוט. זאָלסטו וויסנ זײַנ, זיידינקע, אז מירנ שיקנ דיר בריוו אונ מירנ שיקנ דיר אונדזער צײַטונג, וואָס מיר לאָזנ ארויס אינ שול. דאָרטנ וועט זיכ שרײַבנ פונ דיר אויכ — וויאזוי דו האָסט דאָ אָנגעוויזנ די בעסטע קוואלנ, האָסט אונדז געהאָלפנ שנײַדנ צווײַגנ אונ גייסט מיט אונדז אינײנעמ צומ טײַכ...

דאָ האָט זיכ שטעלמאהאָ פארטראכט. עפּעס אזויווי א כמארע האָט זיכ ארופגעלייגט אפ זײַנ שטערנ אונ אפ זײַנע קנייטשנ ארומ זײַנע אויגנ.

זעלמל קוקט אפנ אלטינקנ. ער ווארט, דער אלטער זאָל אימ עפּעס זאָגנ, אונ ס'איז אימ אויכ געוואָרנ אומעטיקלעכ אפנ הארצנ, וואָס דער אלטער שווײַגט אונ איז אזוי פארטראכט.

— זיידע, א, זיידע?

— נו?

— וואָס איז דיר אזעלכעס?

— מיר? גאָ... גאָרנישט.

— וואָס־זשע האָסטו זיכ פּלוצעמ פארטראכט?

באמ אלטנ האָבנ זיכ אונטערגעבויגנ די קני, אזויווי זאוויסעס, וואָס מאכנ זיכ שווער צו, אונ ער האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אפ דער ערד. די האנט איבערנ שטייענדיקנ גלאטנ שטעקנ האָט זיכ אראָפּגעגליטשט, אונ דער לאנגער שטעקנ איז געבליבנ שטיינ ווי פארשעמט. זעלמעלע איז אויכ געשטאנענ אונ האָט געווארט. ער האָט זייער געוואָלט העלפנ מיט עפּעס דעמ אלטנ, נאָר ער האָט ניט געוווסט פונ וואָס אָנצר הייבנ.

— נו, זיידינקע, זאָג שוינ, — האָט זיכ זעלמעלע נאָכ א קלײנער פּויזע אָנגערופנ.

— אָכ־אָ־אָכ, איכ וועל דאָכ שוינ שטארבנ אונ ניט קאָנענ אפילע

זיכ אונטערבאַסמענעג... ווילט איר נאָכ שרײַבנ בריוו צו אַזאַ אַלטנ באַר, ווילט איר.

— ס'איז נאָכ ניט פאַרפאַלנ, זײדינקע שטעלמאַהאַ, — האָט זעלמל געזאָגט, — מירנ שוינ דערפונ ריידנ.

פונ לאַגער האָט מענ קאָמאַנדירט זעלמענעג מיט וויכנענ, זיי זאָלנ ליקווידירנ באַמ אַלטנ פאַסטעכ די אַמעראַצעס. מע האָט זיי דערפאַר באַפרײַט פונ די דעזשורסטוועס אינ לאַגער אונ פונ אַלע אַנדערע אַרבעטנ.

זיי האָבנ געהאַט מיט זיכ אַלצ: אַ פּאַפּיר, אַ בלײַערס. אונ אַנ אַלעפּבייז אַ געשריבענעמ, מיט אַנ אַלעפבייז אַ געדרוקטנ.

אָבער אַ מאָדנע זאַכ: דער אַלטער נעמט אינ האַנט אַרײַנ דעמ בלײַער, איז אָדער דער בלײַער פאַלט בא אימ אַרויס פונ האַנט, אָדער ער קוועטשט אימ אַזוי צונויפ צווישנ די פינגער, אַז ער גראָבט זיכ אײַנ אינ העפט אונ צערײַסט עטלעכע פּערטל פּאַפּיר מיטאַמאָל.

אַז די קינדער זײַנענ אַוועק אינ לאַגער, זײַנענ זיי געווענ ניט אינגאַנצנ פריילעכ.

— עפּעס גייט עס ניט, — זאָגט וויכנע, אונ זעלמל שווײַגט אינגאַנצנ.

— מירנ שוינ זענ, וואָס מאָרגנ וועט זײַנ, — גיט וויכנע ווידער צו.

אַפ מאָרגנ זײַנענ זיי געקומענ. זיי טוענ אַ קוק, די טשערעדע פּאַשעט זיכ, זי איז שוינ פאַרגאַנגענ ווײַט־ווײַט, אונ דער אַלטער זיצט נאָכ דאָרטנ גאַנצ ווײַט אונ פּאָרקעט זיכ עפּעס מיט זאַכנ.

די קינדער זײַנענ צוגעגאַנגענ נעענטער. ערשט זיי דערזעענ — לעבנ אַלטנ ליגנ אַסאַכ שטיקער בערעזעווע קאָרע אונ הובקע פונ ביימער. אַפ דער פּאָלע איז בא אימ דאָ אַנ אָל, אינ האַנט — אַ מעסערל. אונ ער קריצט אָנ מיטנ מעסערל אַפ דער קאָרע אויסיעס, וואָס מע האָט אימ נעכטנ געלערנט. נאָר די אויסיעס זײַנענ מערער ענלעכ אַפ פייגעלעכ אונ אַפ דריידעלעכ, אַפ ציגענע אונ שאָפענע פּיפּלעכ, איידער אַפ אויסיעס. באַמ עסנ אונ טרינקענ, אַפנ געלעגער אַפילע האָט ער ניט אָפּגעלאָזט די שטיקער קאָרע מיטנ מעסערל.

אונ אינ אַ וואָכ אַרומ, אַז דער אַלטער האָט שוינ געקאָנט, צו איטלעכנס פריידל, זיכ אונטערשרײַבנ אונ דאַפקע מיט אַ בלײַער, אונ דאַפקע אַפ פּאַפּיר, פלעגט ער עס טונ אָט וויאַזוי: ער פלעגט נעמענ דעמ

בלײַער צום מויל, אים גוט, גוט באַנעצן, אַזוי אַז אַף די ליפּן און אַפּ דער צונג איז בא אים געוואָרן אַ בלויער צייכן. און אָט האַלט ער שוין דעם בלײַער איבערן פּאַפּיר און ער זאָגט זיך אַלײן אונטער:

— דרײַ פלעקער מיט אַ פּאָדוואַלינע —

און װײַטער אַ טונק דעם בלײַער:

— דרײַ סטויפּעס מיט אַ נאַשליאָפּניק —

— דרײַ װענט מיט אַ ציגעלע אינמיטן —

— אַ הויכע דוהע אַ שמאָלע —

— נאָך אַ העקעלע אַזוי זיך,

וועט זיך אויסריידן ווייך —

— אײן קראָקווע איבערגעהאַקט —

— אינמיטן מיט אַ פּאָפּערעטשקעלע —

— אַ קרוק, פאַרבויגן פון בײדע זײַטן —

— אַ בײגל פאַר אַ צענער —

„שטעל — מאַ — האָ"

— און „פּיאָטער" אויך אַזוי.

אַלע זײַנען געווען פריילעך:

— פאַר איין וואָך! פאַר איין וואָך!

שטעלמאַהאָ איז געווען פריילעכער פון איטלעכן.

— באַשערט מיר אַף דער עלטער, — זאָגט ער, — ווערן אַ גראַמאָט־נער. איבעראיאָר, אַז איר וועט קומען, וועל איך צעטראָגן פּאַפּירן אין דער סעלראַדע, איך וועל שוין קאָנען איבערלייענען, און כאַסמענען וועל איך זיך קאָנען, אײַ, די קלײנע קונדייסים, די קלײנע. זיי זאָגן ס'נאָך ניט פאַרפאַלן, זאָגן זיי.

— וואָס זאָ... איר, קינדער, איך וועל זיך באַגײן אָן אַ בריל אויך, צי איך זאָל ... ויסשרײַבן אַפּ איבעראיאָר אַ פּאָר ברילן? האַ — אַ — אַ?

גאסטפרײַנטשאפט

„...געטאָנ האָט זיכ עס, דעמ עמעס געזאָגט, ניט נעכטנ אונ ניט אײערנעכטנ, נאָר צוריק מיט א יאָר פערציק אוואדע״...

אזוי האָט מיר אָשער דער גלעזער אָנגעהויבנ דערצײלנ וועגנ אײנעמ א פאל, וואָס האָט געטראָפנ בא זײ אינ זאמיסלאָוויטש נאָכ אמאָל, בעשאס ער איז געווענ א קלײנ ייִנגל.

— איר מעגט עס אומיסטנ אויסהערנ, — האָט אָשער א שמײַס געטאָנ זײַנ פערדל אונ מיר א קוק געטאָנ גלײַכ אינ די אויגנ, ווי אײנער מײנט:

„דו מעגסט זיכ טאקע זײַנ א יונגערמאנ, א הײַנטוועלטיקער, אָבער איכ, אָשער, האָב נאָכ אויכ עפעס וואָס צו דערצײלנ״...

אָשער ווױנט איצטער בא אונדז אינ שטעטל אינ דער פאָליעסער קראסנאָפאָליע. א בערדל פארמאָגט אָשער א קלײנס, נאָר זײער א פרײלעכס, אונ אויגנ אויכ זײער יונגע, כאָטש ער האָט שוינ קינדער אויסגעגעבנ, אונ אינ די פרײַע שאָענ פאָרנ שוינ בא אימ די אײניקלעכ רײַטנדיק אפ די פלײצעס.

אינעמ דאָרפ בעלאָקאָראָוויטש, פופציק ווערסט פונ אונדזער שטעטל, האָב איכ אימ באגעגנט, אָשערנ, אונ זיכ צוויי מאָל דערפרײט. ערשטנס, וואָס איכ האָב דערזענ אינ אזא ווײַטנ דאָרפ א הײמישנ מענטשנ, צווײַטנס, וואָס איכ וועל אימ א בעט געבנ, וועט ער מיכ נעמענ אפ זײַנ פור אהײמ, ער פאָרט דאָכ ארומ מיט אנ אײגנ פערד־אונ־וועגעלע אונ מיט א קאסטנ גלאָז איבער די דערפער. איצט איז שוינ דער קאסטנ אויטגעלײדיקט, א סימענ, אז ער וועט זיכ שוינ אינערגעצ ניט אָפשטעלנ, אונ מע וועט פאָרנ גלײַכ אהײמ.

— רעב אָשער, — האָב איכ אימ א פרעג געטאָנ, — וויפל־זשע וועט איר בא מיר נעמענ פור־געלט?

אָשער האָט אַפּ מיר א קוק געטאָן מיט זײַנ יונגנ בליק און מיט זײַנ באַריידעוודיק בערדל, ווי אײַנער מײנט:

— אָטאָ באַלד צעיאָג איכ זיכ נעמענ געלט פאר אזא מינ קלײניקײַט (אַפּ זײַנ לאָשנ — „פוסטיאַק”), וואָס איז? ער דארפ אָנלײגנ וועג צוליב מיר אָדער וואָס? פארקערט, ס׳וועט נאָכ אימ זײַנ פרײלעכער, אז מע וועט פאָרנ אינצווײענ.

קענ זײַנ, אז איבער דעמ האָבנ מיר זיכ טאקע צערעדט אַפּנ וואָגנ זיצנדיק וועגנ גוטע אונ שלעכטע מענטשנ, וועגנ קארגע אונ צעוואָרפענע, אונ צווישנ די אלע רײד האָט ער מיר דערצײלט וועגנ דעמ פאל, וואָס האָט זיכ, לויט זײַנ כעזשבנ, פארלאָפנ בא זײ אינ זאמיסלאָוויטש — „צוריק מיט א יאָר פערציק אוואדע”.

— מענדלענ דעמ זאמיסלאָוויטשער האָסטו שוינ אוואדע ניט זאזנאיעט? [1] סע מאכט נישט אויס. דײַנ טאטעקער נאָכ אימ געדענקענ. ווערסט אימ אומיסטנ א פרעג טונ, וועט ער דיר דערצײלנ, געווענ דאפקע א פראָסטער, א דאָרפישער ייד, נאָר א נאטור האָט ער געהאט — מ־מ־מ! אזא יאָר אַפּ מיר!.. בא אימ אינ שטוב האָבנ זיכ נישט אויסגעפירט קײנ מענטשנ, מיט עסנ אונ מיט טרינקענ, אונ מיט איבערנעכטיקנ, אונ מיט אופשטעלנ א סאמאָוואר פונ זײערעטוועגנ, נאָר פונ קײנ געצאָלטס זאָל מענ אימ גארנישט דערמאָנענ! כאסוועכאָליילע!

די ווײַב איז אויכ געווענ אזא. אונ די קינדער זײַנענ אויכ געגאַנגענ אַפּנ זעלבנ וועג. מע פלעג נאָר שטײנ אַפּנ וועג אונ איבערכאַפּנ די דורכפאָרער. טאָמער אינ א קעלט, זאָל מענ ארײַנגײנ זיכ אָנווארעמענ, טאָמער אינ א רעגנ, זאָל מענ ארײַנגײנ אונ איבערזיצנ. אזעלכע מענטשנ זײַנענ זײ געווענ.

אגומלטנ פאָרט ער, מענדל, אַפּ זײַנ פערד אונ וועגעלע, פארנאכטלעכ האָט זיכ עס געטאָנ. ער איז דורכגעפאָרנ די ווינטמילנ. ס׳האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ די פלויטנ. דאָס פערדל גײט פאמעלעכ. מענדל זיצט זיכ אזוי רויק אונ טראכט פונ פארשײדענע שטוביקע קלײניקײַטנ. ערשט ער דערהערט, אז עמעצער קרעכצט אונטערנ פלויט. עפּעס אזויוי א וואגצבל אונ אזויוי ניט קײנ מאנצבל. נאָר גיכער איז

[1] קענסט אים שוינ ניט געדענקענ, ניט פאר דײַנע הײַנט.

עס א מאנצבל. ער שטעלט אָפּ דאָס פערדל, קריכט אראָפּ פונ וואָגנ, נעמט גייג פאַרבײַ דעמ פלויט, ערשט ער דערזעט א פויער איג די מי־טעלע יאָרנ קריכט ארומ אפּ אלע פיר, ער קאראטשקעט זיכ, ער וויל זיכ אופשטעלנ, נאָר ער קאָנ נישט. ער הייבט זיכ אונטער אונ פאלט אומ, הייבט זיכ אונטער אונ. פאלט אומ. „שיקער? — קלערט זיכ מענדל, — ניינ, ווענ ער איז שיקער, וואָלט ער אזוי נישט געקרעכצט. אונ ווײַטער זעט מענ אפּ אימ, אז ער איז נישט קיינ היגער. ווערליק ער איז אָנ־געטאָנ, דארפ ער זײַנ ערגעצ פונ טיפ אוקראַינע".

מענדל גייט צו נעענטער, נעמט אימ אָנ בא דער פּלייצע, קוקט זיכ ײַנער אפּ אימ אומ אונ קרעכצט ארויס מיט די לעצטע קויכעס.

— אָ, סאָקאָליקו, צע ווזשע סמערט פרישלא.

— האָב נאָכ צײַט קלערנ ווענג דעמ סמערט, — מאכט צו אימ מענדל, — טאָמער איז עס נאָכ צו פרי.

אונ ער האָט א סמאָטשקע געטאָנ צומ פערדל, עס צוגעפירט איבער די מעזשעס אהער צומ פלויט.

— קריכ אפנ וואָגנ, — מאכט ער צומ פויער.

אונ ער האָט ווי עס איז ארופגעשלעפּט דעמ קראנקנ צו זיכ אפנ וואָגנ, נאָכ צוגעקליבנ די טאָרבע מיטנ שטעקנ אונ האָט שוינ א טרײַב געטאָנ דאָס פערדל אביסל גיכער.

אינדערהיימ האָבנ די כלאָפּצעס אראָפּגעטראָגנ דעמ פויער אינ שטוב ארײַנ. מע האָט אימ אויסגעבעט אפּ א קאנאפּע. קיינ באָלניצעס מיט קיינ דאָקטוירימ זײַנענ דאָכ דאָנ אינ די דערפער ניט געווענ, ניט הײַנטיקע צײַטנ, האָבנ זיי אימ אליינ געהאָלפנ מיט אלערליי באבסקע רעפועס. א קרענק איז עס געווענ א שווערע, א מינ טיפ. אָבער פאר פיר וואָכנ איז דער מענטש געזונט געוואָרנ.

פאר די דאָזיקע פיר וואָכנ איז מענ דורכ גרוסנ אונ דורכ איבערזאָ־געכצנ דאָרט אינ אוקראַינע באמ פויער אינדערהיימ געווירע געוואָרנ, ווו זייער פאָטער געפינט זיכ, זײַנענ די זינ געקומענ צו פאָרנ אימ אָפּ־נעמענ. פארנ געזעגענענ זיכ נעמענ זיי ארויס א בײַטל מיט געלט אונ ווילנ אָפּצאָלנ מענדלענ פארנ איבערזײַנ, פאר די קעסט אונ פאר אלצ־דינג. אָבער מענדל מיט מענדעליכענ האָבנ, ווי זייער שטייגער איז, זיכ אויסגעלאכט. ס'האָבנ נישט געהאָלפנ קיינע אײַנריידענישנ. די זינ דעמ פויערס האָבנ שוינ געבעטנ, אז אויב נישט קיינ געלט, טאָ זאָל מענ

בא זיי צונעמענ דעמ לאָשעק, וואָס לויפט נאָכ נאָכנ וואָגנ, אָדער זיי וועלנ אימ ברענגענ צו טרײַבנ א קעלביקע בעהיימע. ניינ אונ ניינ.

האָט מענ זיכ צעזעגנט זייער שיינ, טאקע ווי עמעסע גוטע פרײַנט, אונ צו מענדלענ האָבנ זיי געזאָגט, אז אזא מינ טויווע איז גאָר נישט שײַעכ, מע זאָל זי אמאָל פארגעסנ...

— וואָרעמ ס׳איז טאקע א גוטסקײַט פונ מענטשנ,— פאָל איכ ארײַנ אינ די רייד,— צונעמענ א ווילד פרעמדנ דורכגייער שלאָפערהייט צו זיכ אינ שטוב ארײַנ אונ זיכ מיט אימ ניאנטשענ אונ אימ אויסהיילנ... עפּעס א קלייניקײַט.

— האָב צײַט,— ענטפערט מיר אָשער,— אויב דו מיינסט, אז מיר זײַנענ שוינ פארטיק, האָסטו נאָכ א טאָעס. דאָס איז די ערשטע העלפט פונ דער מײַסע, די צווייטע העלפט וועט באלד קומענ. נאָר איכ קלער, אז פריער דארפנ מיר כאפנ אנ איבערבײַס.

דער פאָרשלאג איז מיר געווענ זייער צומ הארצנ, ווײַל מיר זײַנענ די גאנצע צײַט געפאָרנ דורכ וואלד. די סאָסנעס שמעקנ אזוי שטארק, אז דער קאָפּ דרייט זיכ אזש. די פייגעלעכ צוויטשענ. וווּ־ניט ווי שוועבנ דורכ פייגעלעכ מיט אזעלכע פארבנ, וואָס איכ האָב נאָכ קיינמאָל ניט געזענ אזעלכע, אונ כאָטש אפנ וואָגנ טרייסלט ניט איבעריקס, גלוסט זיכ דאָכ אראָפּקריכנ אפּ דער ערד אויסגלײַכנ אביסל די ביינער אונ אויב נאָכ א גוטער איבערבײַס דערצו, איז מאכטייסע!

אָשער האָט אָפּגעקערעוועט פונ וועג. מיר זײַנענ געבליבנ שטיינ לעמ א שיינעמ רײַכנ דעמב, וואָס האָט צוריק מיט אסאכ יאָרנ פארבלאָנדזשעט אהער אינעמ סאָסנע־וואלד אונ איז טאקע דאָ פארבליבנ.

מיר האָבנ צענומענ אונדזערע פעקלעכ. אָשער האָט געפאָדערט ניט אנדערש, אז מיר זאָלנ נאָר צעלייגנ א פײַער. איז עס אויכ רעכט. איכ וואָלט זיכ ניט געפוילט אונ אײַכ באשריבנ אונדזער סודע, נאָר לעמײַ זאָל איכ צערייצנ אײַערע אפּעטיטנ. איכ ווייס, אז ניט איר וועט מיר מעקאנע זײַנ אפּ דער סודע אינמיטנ וואלד, איכ אליינ בינ זיכ מעקאנע—אז איכ דערמאנ זיכ. אפּ קישנס פונ גראָז זיצנ מיר, אפּ טישטעכער פונ פּאפּיר עסנ מיר. דער שײַטער קנאקט בא דער זײַט מיט

זײַנע באטאָניקע בלויע פײַערלעכ אונ אלצ, וואָס מיר פאמפלענ אַרײַנ, האָט עס דעמ זיבעטנ טאמ...

— דערציילט־זשע, רעב אָשער, וואָס איז ווײַטער געווענ...

אָבער אָשער האָט מיר געענטפערט זייער קורצ: בעשאס מע עסט, רעדט מענ ניט.

איבערגעביסנ, זיכ אויסגערוט, בינ איכ אוועק, געבראַכט צו פירנ דעמ אויסגעשפאַנטנ פערד.

— טאָ לאָמיר אימ טאקע ארײַנוואַרפנ אינ די האָלאָבליעס, — זאָגט אָשער. (מיינענ מיינט ער: לאָמיר אימ צוריק אײַנשפאנענ). אונ מיר זיצנ שוינ ביידע צוריק אפנ וואָגנ אייגנס לעמ אנדערנ, דער ליידיקער גלאָז־קאסטנ הינטער אונדזערע פלייצעס. פונ ביידע זײַטנ גרינער זו־ניקער וואלד אונ אינמיטנ א וועג, וואָס פירט אונדז דורכ וואלד, דורכ פעלד, דורכ דערפלעכ אונ נאָכאמאָל א וועלדל אונ נאָכאמאָל א דאָרפ אונ דאָרטנ איז שוינ נישט ווײַט אונדזער היימ.

— איצט האָרכ, — האָט אָשער ווידער גענומענ דערציילנ, ווי אזוי־נער, וואָס טוט אנ ערנסטע אַרבעט אונ וויל זי אָפטאָנ ערלעכ.

— איינמאָל האָבנ מענדלס זינ אוועקגעטריבנ עטלעכע בעהיימעס אפ דער אוקראַינע. קיינ רײַכער מענטש איז ער ניט געווענ, מענדל, דאָס ווייסטו דאָכ.

— ניינ, איכ ווייס ניט.

— זע, איכ האָב גאָר פארגינסנ, אז ס'ניט פאר דײַנע צײַטנ האָט זיכ עס געטאָנ. טאָ געדענק־זשע, נאָר זאָלסט ניט מיינענ, אז איכ זאָג אזוי דערפאר, וואָס בורזשויעס זײַנענ הײַנט ניט אינ דער מאָדע. ניינ, ניינ, איכ דערצייל עס פאָשעט ווי דער עמעס איז.

זיי האָבנ אלע געהאָרעוועט, האָבנ זיי זיכ ווי עס איז דורכגעלעבט. זומער זײַנענ זיי געווענ פארנומענ מיטנ באשטאנ, אונ ווינטער פלעגנ זיי צוהאנדלענ. אָסיענ־צײַט, אז דער פויער הייבט אָנ פארקויפנ כר דאָבע, פלעג מענדל צונויפלייגנ א ביסל געלט אונ אופקויפנ עטלעכע בעהיימעס, אונ קיינ הײַדײַעס האָט ער ניט באדארפט דינגענ. די זינ זײַנענ אלייג געזונטע דאָרפסלײַט. אז מע דארפ טרײַבנ פי, טרײַבט מענ זי אלייג.

גרויסע יארידנ פלעגנ זיכ אויסשטעלנ אמאָל אינ כוואסטאָוו אָדער אינ בעלעצערקווע אפ דער אוקראַינע, וואָסערע צוויי, דריטהאלבנ הונ־

דערט ווערסט פונ זאמיסלאָוויטש. גייענ זיי ארויס אפ אזא מינ יאריד מיט א צענ טעג פריער, אונ אז מע טרעפט א גוטנ יאריד, פארדינט מענ אמאל א הונדערטער, אמאָל מער... דאָס מאָל איז אָבער די פּאָגאָדע (דער וועטער) געווענ א שלעכטע, האָבנ זיכ די בעהיימעס מיט די מענטשנ שטארק אויסגעמוטשעט פארנ וועג. דער יאריד איז אויכ געווענ א פארוויינטער, אנ אויסגעווייקטער, גאָלע קעלט אונ גאָלע רעגנ. קיינ סאָכרימ זייַנענ ניט געווענ. אפילע פאר האלב אומזיסט, איז ניט געווענ וועמענ צו פארקויפנ. טרייַבנ זיי, נעבעכ, די שטיקלעכ אפ צוריק. די כודאָבע איז שוינ געווענ הויט אונ ביינ. די מענטשנ אויכ ניט שענער. זיי זעענ, די זינ מענדלס, אז ס'איז גאָר ניט קיינ מעגלעכע זאכ, זיי זאָלנ די שטיקלעכ ברענגענ צו טרייַבנ לעבעדיקע אהיימ. אונ כיי וואָלטנ זיי האָבנ עפּעס געלט אפ צו האָדעווענ ערגעצ די בעהיימעס — איז נישטאָ. געלט, האָבנ זיי דאָכ געמיינט, וועלנ זיי לייזנ דאָרט אפנ יאריד, אונ אויסגעלאָזט האָט זיכ א בוידעמ.

אזויווי זיי שלעפנ זיכ צוריקוועגס פונ כוואסטאָוו, איז דאָרטנ ניט וויַט פאראנ א דאָרפ זשערעבקי. כ'ווייס? עפשער א דרייַסיק ווערסט פונ כוואסטאָוו אָדער וויפל. גייענ א פּאָר זשערעבקיער יונגעלייַט, פויערימ אזעלכע, אויכ פונעמ יאריד אונ מע צערעדט זיכ מיט די זינ מיט מענדלס.

— פונוואנענ זייַנענ יונגעלייַט? — פרעגנ די פויערימ.

— פונ פּאָליעסיע, — ענטפערנ די זינ מענדלס, — עפשער האָט איר געהערט — זאמיסלאָוויטש?

— זאמיסלאָוויטש?.. געהערט... וווהינ־זשע טרייַבט איר צוריק די כודאָבע? זיי וועלנ דאָכ בא אייַכ פּייגערנ אפנ וועג!!

— אדעראבע, גיט אנ אייצע. וואָס קאָנענ מיר טונ?! קיינ געלט האָבנ מיר בא זיכ ניט. געלט האָבנ מיר געמיינט וועלנ מיר לייזנ אפנ יאריד...

דאָ האָבנ די פויערימ עפּעס אינ דער שטיל א שמועס געטאָנ צווישנ זיכ אונ זיכ ענדלעכ אָנגערופנ:

— אויב איר ווילט זיכ אפ אונדז פארגלייבנ, וואָלטנ מיר אייַכ געעצעט אזוי: איר לאָזט איבער די כודאָבע בא אונדז, אונ אליינ פאָרט זיכ געזונטערהייט אהיימ בינז צווייטנ מארק־טאָג. דער צווייטער מארק־טאָג וועט אויספאלנ אינ א כוידעש ארומ. דער וועטער דארפ זיכ נאָכ

פאריכטנ, אונ פאשע וועט נאָכ זײַנ גענוג, וועלנ אײַערע בעהיימעס ארומגיינ צוזאמענ מיט אונדזערע. אונ אינ א כוידעש ארומ וועט איר קומענ, אונ איר וועט זיי ווײַטער ארויסטרײַבנ אפנ יאריד.

די יונגעלײַט איז ליכטיק געוואָרנ אינ די אויגנ. אפ אזא מינ באגעגעניש האָבנ זיי זיכ גאָר ניט געריכט. האָבנ זיי אָפגעקערעוועט צוזאמענ מיט די פויערימ צו זיי אינ דאָרפ אונ צו זיי אינ הויפ ארײַנ. דאָרט האָבנ זיי איבערגענעכטיקט, זיכ אויסגעוואַרעמט, קיינ עסנ האָט מענ זיי ניט געקארגט. מע האָט זיי נאָכ אפנ וועג מיטגעגעבנ. אונ אינדערפרי האָבנ זיי געמאכט סימאָנימ אפ דער פי. זיי האָבנ צוגעבונדנ אזעלכע ברעטעלעכ צו די וויידלענ, אונ זיי זײַנענ אוועק אהיימ.

אינ א כוידעש ארומ פאָרנ זיי שוינ ווײַטער אפנ יאריד מיט מענדלענ אינײנעמ. דעמ עמעס געזאָגט, האָבנ זיי זיכ ניט איבעריקס געריכט קריגנ די פי אפ צוריק, נאָר דערווײַל איז אײַנגעפירט, אז מענטשנ דארפ מענ גלייבנ.

געקומענ קיינ זשערעבקי, זאָגט מענ צו זיי: — פאָרט גלײַכ, אײַערע פי וועט איר אָניאָגנ אונטער כוואסטאָוו.

בא מענדלענ מיט די זינ איז איבערגעגאנגענ ניט קיינ גוטער געדאנק, אָבער זאָגנ האָבנ זיי גאָרניט געזאָגט אונ האָבנ אוועקגעשמיסנ ווײַטער. ערשט אונטער כוואסטאָוו דערזעענ זיי, וויאזוי פויערימ האָבנ ארויסגעטריבנ די אָפגעצייכנטע בעהיימעס. ווענ ניט די סימאָנימ, וואָס זיי האָבנ געמאכט, וואָלטנ זיי גאָרניט דערקענט זייערע פי. אזוי גוט האָבנ זיי זיכ פאריכט אונ זיכ אויסגעפאשעט.

איצטיקס מאָל איז שוינ דער יאריד געווענ ווי געווונטשנ. מענדל מיט די זינ האָבנ גוט פארקויפט אונ גוט אָפגעלייזט. איצט וועלנ זיי שוינ האָבנ אי אפ כויוועס באצאָלנ, אי אפ באדאנקענ די פויערימ פאר זייער ארבעט אונ פאר זייער גוטסקײַט. אונ ס׳וועט נאָכ זיכ אויכ עפעס בלײַבנ.

טכילעס־אָוונט קומענ זיי צו פאָרנ צו די דאָזיקע פויערימ שוינ ווי אלטע באקאנטע. מענדל מיט די זינ זײַנענ זייער צופרידנ. די באלעבאָטימ זייערע אויכ. דאָס פערד איז שוינ צוגעזוענ, אונ אליינ עסט מענ אָוונטברויט. מע רעדט, מע פארברענגט. אלצ איז זייער גוט אונ זייער שיינ. אונ באלד וועט מענ שוינ גיינ שלאָפנ. פארנ שלאָפנ רופט מענדל צו דעמ באלעבאָס. ער נעמט ארויס דעמ טײַסטער אונ זאָגט:

— איצט, גוטער מענטש, קענענ מיר זיכ מיט דיר צעצאָלנ. זאָג אלײנ, וויפל דיר קומט.

— גאָרניט קומט מיר ניש ט, — האָט דער פויער געענטפערט. — בא־האַלט דיר דײַנ געלט אינ קעשענע אונ פארגונ עס געזונטערהײט.

— סטײַטש! וואָס הײסט? — האָט זיכ מענדל גענומענ שפארנ, אונ די זינ האָבנ זיכ שוינ אויכ ארײַנגעמישט.

אָבער דער פויער האָט זײ א קוק געטאָנ אינ די אויגנ. די באלע־באָטע מיט די זינ אונ שניר זײַנענ אויכ אָנגעגאנגענ, אונ דער אלטער מאכט צו מענדלענ:

— בא עמעצנ, בא א פרעמדנ ווײס איכ אויכ ניט צי איכ וואָלט גע־נומענ געצאָלטס פאר אזא קלײנער געפעליקײַט, הײַנט ביפראט נאָכ בא מענדל דעמ זאמיסלאָוויטשער, וואָס האָט מיר אָפגעראטעוועט דאָס לעבנ אינ א פרעמדנ קאנט.

דאָ ערשט האָבנ מענדל מיט די זינ דערקענט יענעמ פויער פונ דער אוקראינע, וואָס זײ האָבנ אמאָל איבערגעהאלטנ, ביז ער איז געזונט גע־וואָרנ.

זײ האָבנ פאר פרײד ווידער אָנגעהויבנ געבנ די הענט אײנער דעמ צווײטנ — די באלעבאָסטע האָט ווידער פונסנײַ דערלאנגט צומ טיש מעד אונ פארבײַסנ אונ מע האָט זיכ שוינ ניט געלײגט שלאָפנ, מע האָט פארבראכט ביז ס'האָט אָנגעהויבנ טאָגנ. דאנ האָבנ מענדלס זינ צוזא־מענ מיט די באלעבאטימס זינ אײַנגעשפאנט דאָס אויסגערוט אונ אָנגע־געסנ פערדל אונ מע האָט זיכ זײער שײנ צעזעגנט מיט די בעסטע גריסנ, וואָס מע האָט איבערגעגעבנ פאר מענדעליכענ, אונ מע איז זיכ צעגאנגענ.

— פארשטײטסטו שוינ? — האָט אָשער א זאָג געטאָנ אונ אָפגעשטעלט דאָס פערד לעמ ער'טנ הויפ פונעמ באגעגנטנ דאָרפ אונ איז אוועק־געלאָפנ נעמענ אנ עמער באמ פויער אפ אָנפויענ דאָס פערד.

איצט האָב איכ שוינ טאקע פארשטאנענ אפ געוויס, אז קײנ פור־געלט וועט שוינ בא מיר אָשער ניט נעמענ, איכ זאָל אפילע טאנצנ פאר אימ אפנ דאכ. נאָר וואָס... אײנ זאכ וועל איכ בא אימ יאָ פויעלנ: איכ וועל בא אימ פויעלנ, ער זאָל בא מיר צונעמענ דאָס מײַסעלע פאר א מאמאָנע... ווי איכ דרוק עס נאָר אָנ, אזוי שיק איכ עס אימ גלײַכ אָפ אונ זאָל ער לײענענ.

אזא גאסט

(סקיצע)

איכ קענ אימ נאָכ פונ קלײנװײַז אופ. ס'איז א װײלער יאט. ער קומט ארױס פונ אונדזער שטעטל. אמאָל האָט מענ אימ גערופנ ייִצכאָק־יױנע. פונדעסטװעגנ האָב איכ אימ איצט ניט דערקענט. ס'האָט אָנגעקלונגענ צו מיר א יונגער אונ א שטאַלטנער קאָמאנדיר, א לײטענאנט אונ עפשער א מאיאָר, אונ איכ הער, װי ער פרעגט:—זדיעס זשיװיאָט דער אונ דער (ער האָט אָנגערופנ מײַנ פאמיליע־נאָמענ).

„זדיעס"—ענטפער איכ אונ הײב ניט אָנ צו דערקענענ, װער דאָס איז.

לאָזט זיכ אױס, אז ס'איז ייִצכאָק־יױנע כראָל־בערס. אינ שטעטל האָבנ מיר אמאָל געװױנט מיט זײ א שטוב לעבנ א שטוב. עפעס א קלײניקײט סראָל בערס זונ! זאָגנ, אז איכ האָב זיכ דערפרײט, איז װײניק. איכ האָב מאמעש אונטערגעטאנצט פאר פרײד. איכ האָב אימ גלײַכ באקענט מיט די קינדער אונ מיט דער פרױ, אונ מיר האָבנ גענומענ רײדנ פונ אלצ, װאָס ס'איז אונדז נאָר געקומענ אפנ זינענ.

מײַנ פיריאָריקער זונ איז ניט אָפּגעטראָטנ פונ אימ אונ אימ געהאלטנ אינ אײנ אױספרעגנ: צי האָט ער א טאנק, צי האָט ער א פערד, װיפל ביקסנ האָט ער אונ װיפל שװערדנ?.. אונ מײַנ קאָמאנדיר שפּילט זיכ זײער הארציק מיטנ יאטל. ער ענטפערט אימ געטרײַ אפ אלע זײַנע פראגנ, אונ איכ זע, אז ער קאָנ זײַנ כאװער מיט אזעלכע אױכ.

— זע נאָר, ייִצכאָק־יױנע,—רופ איכ זיכ פלוצעמ אָנ,—דײַנ טאטע האָט דאָכ אױכ געדינט אינ דער רױטער ארמײ. ער האָט דאָכ זיכ געשלאָגנ אינ יענע צײַטנ אזױ, אז א רױכ איז געגאנגענ?!

מײַנ קאָמאנדיר האָט זיכ צעלאכט אונ האָט מיר געװיזנ אַ שײנעם מױל צײנ.

— דו געדענקסט דאָס כאָטש?—פרעג איכ אימ.

— שטעלט זיכ פאָר, אז יאָ, — האָט מיר יִצחאָק־ייִנע געענטפערט און זײַנ צעשטראָלטער שמייכל האָט נאָכ אלצ באַשײַנט זײַנ יונג, נאָר מענערישׂ געזיכט. איכ בינ דענסטמאָל געווענ אזא ווי ער, — ווײַזט ער אפ מײַנ יאטל, — אונ עפשער נאָכ קלענער, אונ מײַנ טאטע מיט דער לאנגער באָרד, כאָטש ער איז ניט געווענ אלט, האָט אָבער קיינער אפ אים ניט געקאָנט זאָגנ, אז ער איז יונג — א ייִד מיט אזא אָ באָרד... קיינ גוט לעבנ איז בא אונדז דענסטמאָל, ווייסט איר דאָכ, איינ שטוב ניט אײַנגעשטאנענ. די מאמע קריגט זיכ מיט די קינדער, זיי ווילנ ברויט, אונ זי לייגט זיי פאָר בולקע, אונ די קינדער ווייסנ שוינ, אז דאָס איז א שלעכטער שפּאס. דאָס איז א סימענ, אז אינ שטוב איז אפילע קיינ סקאָרינקע אויכ ניטאָ... אינ איינעמ פונ אזעלכע שיינע טעג, אינדרויסנ איז רעמלט געווענ אזויווי איצטער — אינדערפרי צעגייט, באנאכט פאַרפרירט, דער ווינטער האלט שוינ, דוכט זיכ, באמ אוועקגיינ אונ פונדעסטוועגנ קריכט ער נאָכ גוט אינ די ביינער. פלוצעמ עפנט זיכ די טיר אונ ס'קומענ ארײַנ אינ שטוב עטלעכע מענטשנ מיט ביקסנ אפ די אקסלענ. א טייל מענטשנ באקאנטע אונ א טייל — אומבאקאנטע. באמ טאטנ אפנ אקסל הענגט אויכ א ביקס. דער דאשעק אונ די לאנגע באָרד זײַנענ בא אימ פארדרייט אָנ א זײַט. די שפּיצנ פאָלעס פונ זײַנ צעטריפּעט וואטאָווע לײַבל זענענ אויס זייער מאָדנע אונטערנ ברייטנ לעדערנעמ פאס, מיט וועלכנ ער האָט זיכ פלוצעמ ארומגעצויגנ... „וואָס איז דאָס?” האָט אפ אימ די מאמע אָנגעשטעלט א פאָר אויגנ.

— ס'איז א רעוואָליוציע! — האָט איר איינער פונ דעמ טאטנס כאווירימ געענטפערט.

— פּעסיע קרוינ, ס'איז א רעוואָליוציע, — האָט איר אויכ דער צווייטער קאפּצנ געענטפערט, אונ זײַנע אויגנ האָבנ זייער פריילעכ געשפּילט בײַסמײַסע.

— א גוטער אופשטאנד אפ אײַכ, — האָט זיי די מאמע געענטפערט, — אי איבעראשט אי דערשראָקנ, — אונ וואָס וועט דאָ ווערנ מיט די קליינע פּיפּקלאָענ? — ווײַזט זי אפ אירע כעוורע פּרעסערס.

— הערסט א כאָכמע! טאקע פונ זייערטוועגנ גייענ מיר דאָכ! — האָט דער טאטע גענומענ פירנ א רעדע. — ס'האלט שטארק דערבײַ, אז זיי וועלנ שוינ האָבנ אביסל א בעסער לעבנ, ווי מיר האָבנ געהאט... א גוטנ טאָג...

פונ טיר האָט דער טאַטע זיכ נאָכאַמאָל אויסגעקערעוועט און צוגעגעבנ:

— האָרכסטו, פּעסיע, אויב ס׳וועט נאָכ זײַנ באַשערט, וועלנ מיר, אַלטע לײַט, נאָכ עפּשער אויכ עפּעס א לעק טונ פונעמ נײַעמ לעבנ! וואָס זאָגסטו!!? פאַרבלײַבט געזונט.

אנדערע שטיקלעכ רייד זײַנענ בא מיר געבליבנ אינ זיקאָרנ, אנדערע ווייס איכ פונ דעמ, וואָס מע האָט מיר שפּעטער דערציילט. נאָר איינס, וואָס סע האָט זיכ בא מיר גוט אײַנגעקריצט אינ קאָפּ, איז געווענ דאָס, וואָס ווי איכ פלעג נאָר דערזענ עטלעכע מענטשנ מיט ביקסנ אפ די אקסלענ, פלעג איכ נעמענ שרײַענ צו די שטובּיקע מיט א סימכע: „זעט, זעט, אָנאָ גײ׳ט די רעוואָליוציע!“... איינמאָל האָב איכ אפילע ארײַנגעכאַפּט פונ א באנדיט א געשמאַקע פּאָר קאַנטשיקעס דערפאַר, וואָס איכ האָב זיכ דערפרייט און גענומענ טײַטלענ אפ זײַנע באנדיטנ, אז „אָטאָ גייט די רעוואָליוציע“. דאָס איז געווענ מײַנ ערשטער און לעצטער פּסאַק, וואָס איכ האָב געכאַפּט פאַר ניט ריכטיקנ פאַנאַנדערקלײַבנ זיכ אינ דער פראַגע, ווער ס׳איז די רעוואָליוציע און ווער ס׳זײַנענ די סאָנימ פונ דער רעוואָליוציע.

— איצט וואָלסטו שוינ אזא מינ טאָעס ניט געמאַכט?! פרעג איכ אימ אינ א שפּאַס.

— איכ מיינ,— האָט מיר יִצכאָק־יוינע געענטפערט צומ טאָנ.

דאָ האָט מײַנ טאָכטער דערלאַנגט צומ טיש אביסל וווישניאַק מיט פאַרבײַסנ, און זיי האָבנ זיכ זייער פײַנ איבערגעקוקט צווישנ זיכ. האָב איכ א קוק געטאָנ אפנ יונגוואַרג און געגעבנ פאַמעלעכנ א פיר מיטנ געדאַנק אפ דעמ מעהאַלעכ, וואָס מיר האָבנ דורכגעמאַכט זינט יִסראָל־בערס דינענ אינ דער רויטער אַרמיי, ביז דעמ יונגנ לייטענאַנטס דינסט, און ס׳האָט מיכ מיטאַמאָל ארומגעכאַפּט אזא מינ בענקשאַפט ניט איבערצוגעבנ...

— לאָמיר פאַרזוכנ צו ביסלעכ,— האָב איכ זיכ אָנגערופנ צו מײַנ יונגנ גאַסט.— פלעגסטו דענסטמאָל, הייסט עס, באַגעגענענ א הײַפל רויטאַרמייער מיט ביקסנ און אויסשרײַענ מיט פרייד: „אָטאָ גייט די רעוואָליוציע“?

איכ האָב ארומגענומענ דעמ יונגנמאַנ, מײַנ אמאָליקנ שאָכנ. איכ האָב אימ צוגעדריקט פעסט צו מײַנ ברוסט, און ס׳האָבנ זיכ מיר געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ.

איכ זאָג אײַכ נאָכאמאָל: זיי זײַנענ זייער רײדנדיקע אָט די טרערנ פונ פרייד.

— מע האָט אָנגעהויבנ איבערגעבנ דורכ ראַדיאָ טענצ.

— טאַנצט עפּעס, — האָב איכ געזאָגט צו בײדע יוגנטלעכע.

זיי האָבנ זיכ ניט געלאָזט לאַנג בעטנ, אונ מיר איז געווענ גוט צו קוקנ אַפֿ זיי אונ צו קלערנ, אַז מיר האָבנ ניט אומזיסט געלעבט... אונ מיר האָבנ שוינ, ווער ס'זאָל אונדז פאַרבײַטנ אויכ.

יוליע

אינ פוילנ, אינ דאָמבראָווער געגנט, איז דאָ אזא דאָרפ דאָמברינע.

אינ דעמ אָ דאָרפ האָט געווינט יוליע בערעזאָווסקע מיט איר מאמעג.

יוליע איז שוינ א גרויס מיידל. זי לערנט שוינ אינ פערטנ קלאס פונ דער דאָמברינער פירקלאסנע שול.

זי ווינט מיט איר מאמענ אינ עק דאָרפ אינ א שטיבעלע. דאָס שטיבעלע איז קליינ אונ ענג, אָבער יוליע מיט איר מאמענ האָבנ ליב ריינקייט, זיינענ די ווענט ווייס, דער אויוונ צוגעקליבנ, אונ אז מע גייט אריינ אינ שטוב אריינ, גלוסט זיכ ניט אוועקגיינ, אזוי געמיטלעכ איז בא זיי.

די מוטער ארבעט אפ דער דאָמברינער הוטע. מיסטאמ ווייסט איר, וואָס א הוטע איז: אזא זאוואָד, ווו מע גיסט אויס גלאָז, אונ פונעמ גלאָז — פארשיידענע קיילימ.

פאָלינע, יוליעס מאמע, האָרעוועט אסאכ אונ באקומט זייער ווינציק, אינגאנצנ אָנדערהאלבנ זלאָטעס א טאָג. מיט די אָנדערהאלבנ זלאָטעס איז זייער שווער זיכ דורכצולעבנ, נאָר דאָכ וויל זי ניט אָפרייסנ יוליענ פונ שול.

— זאָל זי שוינ, — זאָגט זי, — פריער ענדיקנ דעמ פערטנ קלאס, זי וועט נאָכ צייט האָבנ זיכ איינשפאנענ אינ יאָכ.

אלע פארטאָג פארנ אוועקגיינ קאָכנ זיי אָפ, ראמענ צו, אונ אז זיי גייענ אוועק גאנצפרי, זעענ זיי זיכ שוינ ניט דעמ גאנצנ טאָג ביז פארנאכט, ווענ זיי קומענ זיכ צוריק צונויפ, אונ זיי זיינענ שוינ ביידע איינגעמ ביזנ קומענדיקנ גאנצפרי.

האיאָר, ווינטער דעמ 21־טנ יאנוואר (ווי באוווסט איז דער טאָג פונ 21־טנ יאנוואר, זינט דעמ 1924־טנ יאָר, געוואָרנ טיפ איינגעקריצט אינ די מוחעס אונ אינ די הערצער פונ די ארבעטער מיט זייערע קינדער אפ גאָר דער וועלט: דעמ 21־טנ יאנוואר טויזנט ניינ הונדערט פיר אונ צוואנ-

ציקסטן יאָר איז אין גאָרקי הינטער מאָסקווע געשטאָרבן אונדזער גרויסער באַליבטער לערער און פירער וולאַדימיר איליטש לענין).

יאָ, איז דאָס יאָר ווינטער דעם אײַן און צוואַנציקסטן יאַנוואַר פאַלינע בערעזאָווסקע, יוליעס מאַמע, געגאַנגען שפּעטער ווי אַלעמאָל אַהיים, ווײַל באַלד נאָך דער אַרבעט האָבן די אַרבעטער און די אַרבעטערנס פון דער הוטע זיך געגאַנגען אײַנציקווײַז דורך די הינטערגעסלעך צום כאַווער ליאַשטשן אין שטוב אַרײַן. כאַווער ליאַשטש איז אַ מיטגליד פון דער פּויליִשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און דאָרט איז ביגײַיווע פון דער פּאָליציי אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ וואַרעמער מיטינג צו לענינס אָנדענק.

ליאַשטש האָט דערציילט די כאַווייריִם, אַז ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אין אַלע איבעריקע בורזשואַזע לענדער זײַנען די אַרבעטער גרייט צום קאַמף.

— ס'איז שוין לאַנג אַוועק די צײַט, — זאָגט ער, — ווען די אַרבעטער האָבן געשלעפּט אונטערטעניק דעם יאָך. נידער מיט די פאַשיסטן! נידער מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג! זאָל לעבן לענינס לערע! זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד! זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי! זאָל לעבן דער כאַווער סטאַלין, דער פירער פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט!

די אַרבעטער זײַנען זיך צעגאַנגען דערמוטיקט פון דער פאַרזאַמלונג, און ווידער אײַנציקווײַז. קעדיי די פּוילישע שפּיאָנען זאָלן זיי ניט אויסשפּירן.

אויך פּאַלינע, יוליעס מאַמע, איז געגאַנגען אַהיים מיט אַ גוטן געפיל, זי האָט געכאַזערט די ווערטער, וואָס זי האָט געהערט אַף דעם מיטינג, — מירן ניט דערלאָזן, — כאַזערט זי, — אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּיאַווקעס זאָלן אופהייבן אַ האַנט אַפן ססר!

זי גייט און קלערט צו זיך אַליין: דאַכט זיך אַזוי ניט ווײַט איז דער ססר פון פּוילן, און דאָרטן איז אַזאַ פרײַהייט, די אַרבעטער זײַנען בײַ דער מאַכט... לענין איז געשטאָרבן, נאָר זײַן לערע לעבט... אין שול בײַ יוליען איז מינאַסטאַמ אויך עפּעס פאָרגעקומען.

איצט מאַכט זי, פּאַלינע, גיכערע שפּאַן. דער פראָסט טרישטשעט אונטער אירע פיס, טיף אין קעשענע האָט זי באַהאַלטן אַ מאַטאָנע פון יוליעס וועגן — אַ ביכעלע מיט לענינס ביאָגראַפיִע, איבערגעדרוקט אַף פּויליש. יוליע וועט זיך פרייען מיט דער מאַטאָנע בעסער, ווי מיטן בעסטן געווינס. פּאַלינע מאַכט נאָך גיכערע שפּאַן. אין גרעסטן טייל דאָרף זײַנען שוין די פײַערן אויסגעלאָשן. ס'מוז שוין זײַן גאַנץ שפּעטלעך. פּאַלינע זעט שוין

אַרויס איר שטיבל פֿונדערווײַטנס. אָבער דאָרטנ איז אויכ קיינ שײַנ ניטאָ.

— קאָנ דענ זײַנ, — קלערט זי, — אַז יוליע זאָל שוינ שלאָפֿנ? אָט אַ פּע־פּערקע, האָט ניט געקאָנט צוווארטנ אפֿ דער מאמענ.

אָבער איר פֿאַרווונדערונג איז איבערגעגאַנגענ אינ שרעק, אַז זי איז געקומענ צו דער טיר אונ געטראָפֿנ דעמ שלאָס פֿונ דרויסנ הענגענ, אַ סימענ, אַז יולקע איז נאָכ אינגאַנצנ ניט געקומענ. ניט קיינ גוטער געפֿיל האָט איר אַ קלאַפּ געטאָנ אינ האַרצנ.

— עמעצער פּײַניקט איצט מײַנ קינד, — האָט זי אַ טראַכט געטאָנ, ס׳האָבנ זיכ איר מיטאַמאָל אַ ווײַ געטאָנ פֿאַר די אויגנ גאַנצע מאַכנעס פֿאַשיסטישע לערער אונ פּאָליצײַ, וויאַזוי זיי ראַנגלענ זיכ מיט די אַרבע־טער־קינדער.

מיטאַמאָל איז דאָס בילד אָפּגעטראָטנ פֿונ אירע אויגנ, אונ זי זעט נאָר איר יולקענ אַלײנ, ווי זי זיצט אינ קאַרצער אינ דער פֿינצטער אונ אינ דער קעלט. מײַז לויפֿנ אַרומ איר, אונ זי איז צו שוואַכ אפֿ דורכברעכנ אַזוינע גראָבע ווענט.

פּאָלינע האָט אָפּגעטריבנ די אַלע געדאַנקענ פֿונ זיכ אונ מיט ציטער־דיקע הענט אָפּגעשלאָסנ די טיר, אַרײַנ אונ געמאַכט פֿײַער. דאָס קעצעלע איז איר אַרויסגעלאָפֿנ אַנטקעגנ מיט אַ פֿאַריסנ עק אונ מיט אַ ביטער ניאַווקערײַ. עפּשער איז יוליע אַוועק ערגעצ זיכ גליטשנ מיט די קינדער אונ אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט. אָבער אינ שטוב, זעט זי, איז נאָכ קיינער ניט געווענ פֿונ גאַנצפֿרי אָנ, זינט זיי זײַנענ אַוועק.

פּאָלינע האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טונ. אינ שטוב איז קאַלט. עפּשער זאָל זי פֿריִער אונטערהייצנ דעמ אויוונ, צי זאָל זי גײנ צו דער שול זוכנ איר קינד?... צו דער שול! אָבער וועמענ וועט זי איצט טרעפֿנ אינ שול?

פּאָלינע האָט גענומענ גיכ־גיכ אונ אַרײַנגעוואָרפֿנ אַ ביסל שטרוי מיט אַ פּאָר העלצלעכ אינ אויוונ. אַרײַנ אונטערגעהייצט דעמ אויוונ, האָט פּאָ־לינע אַרופֿגעכאַפּט אפֿ זיכ צוריק דעמ זשאַקעט מיט דער שאַל, צוגעדרייט דאָס לעמפּל אונ זיכ געלאָזט גײנ צו דער טיר. פּלוצעמ איז זי געבליבנ שטײנ. זי האָט דערהערט טריט אונ קינדערשע שטימענ לעבנ סאַמע שטוב.

— ווער גייט? — האָט זי אינ איינ אָטעמ אַ פֿרעג געטאָנ אונ זיכ אומ־געקערט אַרויסדרייענ דעמ לאָמפּ.

— היימישע,— האבנ עטלעכע קינדערשע שטימענ געענטפערט, אונ ס׳זײַנענ ארײַנגעקומענ יוליע מיט אירע צוויי כאווירימ זיגמונד אונ סלאוועק. אלע ארומגעריסענע, צעפאטלטע אונ פארשמירטע אינ קארצער־שטויב.

יא, צעפאטלטע, נאר פרייד פונ קאמפ איז בא זיי געווענ אפ די פענעמער, אונ זיי האבנ געהאלטנ הויכ די קעפ זייערע.

— וואס איז געשענ ? — האט פאלינע בערעזאווסקע א כ יג געטאנ, אונ אפ איר פאנעמ זײַנענ געווענ אויסגעמישט פרייד מיט שמערצ איבײנעמ.

— הײַנט איז לענינס יארצײַט ! — האט יוליע געענטפערט.

— איכ ווייס,— האט די מוטער געענטפערט אונ איז געבליבנ שווײַגנ. זי האט באלד געוווסט, אז איר הארצ נארט זי ניט אפ. די קינדער האבנ געוויס דעמאנסטרירט, אונ די פאשיסטישע לערער האבנ זיכ ארײַנגעמישט. מ׳האט די קינדער געשלאגנ, אונ אינ בעסטנ פאל האט מענ זיי געהאלטנ ביז האלבער נאכט אינ די קאלטע, פינצטערע אונ ענגע קארצערס אנ עסנ, אנ טרינקענ. יא, זי האט אלצ געוווסט. אבער זי האט געקוקט די קינדער אינ די אויגנ, טאמער וועלנ זיי דערציילנ קלאר.

בא יוליענ זײַנענ געווענ בלויע, טאקע מאמעש הימל־בלויע אויגנ אונ ליכטיקע דינ־דינינקע האר, איצט צעקאשמעטע. די ייִנגלעכ ביידע זײַנענ געווענ אינ וווקס עטוואס נידעריקער פונ איר, אונ די אויגנ זײַנענ בא זיי געווענ טונקעלע, קימאט ביר־קאלירקע.

יוליע האט אויסגעטאנ דעמ מאנטל מיטנ שאלעכל. די ייִנגלעכ זײַנענ געשטאנענ אינמיטנ שטוב מיט צעשפיליעטע מאנטלענ, מיט אנגערויגעזטע פענעמער אונ מיט ענערגישע, אויסגעוואשענע בליקנ.

— נו,— האט פאליע אזויוי א פרעג געטאנ.

אונ זיגמונד מיט סלאוועקנ האבנ געענטפערט :

— אז מירנ אינגיכנ דערלעבנ, פוילנ זאל ווערנ א ראטנלאנד, וועלנ בא אונדז אינ די שולנ זײַנ לערער קאמוניסטנ אונ ניט קיינ פאליציישע שפיאנענ. ס׳וועלנ בא אונדז ניט זײַנ קיינ קארצערס אינ די שולנ, אונ מירנ פרײַ קאנענ קעמפנ צוזאמענ מיטנ אלוועלטלעכנ פראלעטאריאט.

— רעכט,— האט פאלינע זיכ אנגערופנ,— ס׳וועט אײַכ זײַנ שפעט צו גיינ אהיימ, טוט זיכ אויס אונ מירנ באלד אפעסנ צוזאמענ.

— בא זיי זײַנענ באוווסטזיניקע עלטערנ,— האט יוליע געענטפערט פאר די ייִנגלעכ,— אויב זיי פארזאמענ זיכ, דארפנ זיי זיכ ניט פאר־

ענטפערנ, דערפאר זײַנענ אָבער דאָ קינדער, וואָס די עלטערנ זײַנענ בא זײ פארפײַנצטערט, אונ אינדערהײם קומענ זײ אָפ נאָכ ערגער, ווי אינ דער פארשימלטער שול.

— דערופ איז עס קאמפ, — האָט די מוטער אינ א קורצער ווײַלע ארום געענטפערט, — אונ אינ קאמפ וועלנ מיר גײנ אזוי, אז קײנ שוועריקײַטנ זאָלנ אונדז ניט פארהאלטנ.

— צום קאמפ זײַנענ מיר שטענדיק גרײט! — האָבנ די קינדער געענטפערט.

די ווענט האָבנ געבלענדט מיט זײער ווײַסקײַט. אינ אויוונ האָט דאָס פײַער פונ צײַט צו צײַט אונטערגעקנאקט. צום קנאפ באלויכטענעם טיש מיטנ באשײדענעם אָוונט־ברויט זײַנענ געגאנגענ פיר מענטשנ: פאָלינע מיט איר טאָכטער אונ איר טאָכטערס כאווײרים. די שאָ איז געווענ א שפעטע, ארום איז שטיל, נאָר די הערצער בא אלע פיר קלאפנ אונ רײַסנ זיכ צום קאמפ צוזאמענ מיט טויזנטער, מיליאָנענ אונטערדריקטע אפ פינפ זעקסטל פונ דער גרויסער וועלט.

דער ערשטער טראָט

קאָפּלען (די [illegible]) [illegible]
[illegible] אַ סאַך [illegible]
[illegible]
[illegible].

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] (לאַנג איז לאַנג).

אַז די [illegible] [illegible]
[illegible] אין אַ [illegible]
[illegible]:

„[illegible]
[illegible] אַ [illegible]:

[illegible]
[illegible] שטעלן [illegible].

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible].

אָבער [illegible], מיט אַ [illegible]

שוין געוווסט, וואָס די קאָמוניסטן ווילן, זיי האָבן זיך פארטריבן אין א פיאָנערן־מאכנע און האָבן נאָך מער אָפשיי געקריגן פאר זייער ראָ־כעלעס און אויך פאר די רעוואָליוציאָנערן־כאַווייריס, וואָס פאַרזאמלען זיך אָפט צו איר און באראטן זיך ביז שפעט אין דער נאכט בא פאר־מאכטע טירן.

אין הארבסט 1931 הייבט מען זיך אָן גרייטן בא די ריימערס אין שטוב צו א געזעגעניש: רופ פאָרט אָפ מיט א קאנאדער ארבעטער־דע־לעגאציע אפ א קורצער צײַט קיין ראטנפארבאנד.

— וואָס וועל איך דאָ טון מיט די אלע שמארגאלן? — טוט דער טאטע איינמאָל איבאָוונט א ווײַז אפ דער פאָליצע פאפירן, צײַטונגען, זשור־נאלן, וואָס אסאך פון זיי גייען דאָ ארויס אומלעגאל. און רופ האָט דאָרטן ניט קיין קליינעם כיילעק.

די יונגע נײַנצניאָריקע רופ האָט זיך א נעם געטאָן פאר איר שטערן און פאר אירע שווארצע געקרויזלטע לאָקן, וואָס פאלן איבער אים אראָפ. אין די אויגן האָט מען בא איר געזען א מידקײַט פארן גאנצן טאָג אומיאָגן און גרייטן זיך אין אזא ווײַטן און געגארטן וועג. א שמייכל איז געלעגן אפ איר יונגן פּנים. די ערשטע רעגע האָט זי אזוי־ווי ניט געהערט, וואָס דער טאטע רעדט פון איר. דערנאָך האָט זי זיך באדאכט:

— הא? — זאָגט זי, — דו פרעגסט אפ די דאָזיקע אלע פאפירן? איך מיין, אז מע דארף זיך אוועקשטעלן און מאכן א רייניקונג. דוכט זיך, אז מע ווארפט שוין אפ אונדז אן אויג. א טייל וועט מען מוזן פארברע־נען, און די בייטיקערע פאפירן, וואָס דארפן בלײַבן, וועלן מיר בא־האלטן, אָדער איך וועל קאָנען בעטן א כאווער, ער זאָל קומען און זיי פארנעמען פונדאנען.

און ראָכעלע האָט זיך טאקע טייקעף גענומען צו דער ארבעט: זי האָט אונטערגעהייצט די פליטע, האָט אויסגעשטעלט א קאָנווייער פון־נעם טאטן, וואָס איז איצט פונקט געווען פרײַ, ריטען און סיימאָנען. ראָכעלע האָט צעעפנט יעדן זשורנאל באזונדער, אייניקע האָט זי אָפּ־געלייגט אין א זײַט און די איבעריקע, וואָס זי האָט דערלאנגט דעם טאטן, זײַנען אוועק איבער די הענט גלײַך אין פליטע ארײַן.

העכער האלב ארבעט איז שוין געווען אָפגעטאָן, ווי ס'איז אָנגע־קומען בערזאָן — זייער א גוטער קאָמוניסט און א גוטער כאווער. ער

האָט אומרויִק אײַנגערוימט עפּעס ראָכעלע אפנ אויער, דערנאָך האָט ער זיך אויך צוגעשטעלט צו דער אַרבעט, אונ די אַרבעט האָט גענו־מענ גיינ פלינקער. נאָך אַ פּאָר מינוט אונ מע איז שוינ פאַרטיק. פלו־צעמ אַ קלונג. ריטע מיט סיימאָנענ זײַנענ אַוועקגעלאָפנ צו דער טיר.

— אויב ס'גיט די מא, — האָט זיך ראָכעלע אָנגערופנ, — זאָלט איר זיך ניט אײַלנ מיטנ עפענענ. איר וועט פריִער נעמענ די טיר אפנ קיי־טעלע.

די קינדער האָבנ מיט אומגעדולד גענומענ די טיר אפנ קייטעלע. זיי האָבנ געוואָלט, מע זאָל גיכער אַרײַנגייִנ, אָבער מע מוז זײַנ פאָר־זיכטיק. זיי האָבנ אופגעעפנט אַ קליינע שפּאַרונע. אָבער ווי פאַרווונ־דערט זײַנענ זיי געוואָרנ, ווענ זיי האָבנ דערזענ פונ יענער זײַט טיר פיר פּאָליצײַ־לײַט, וועלכע זײַנענ אומגעדולדיק אונ שרײַענ:

— עפנט.

סיימאָנ האָט ערשט איצט פאַרשטאַנענ, וואָס ראָכעלע האָט געמיינט מיט דעמ, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז מע זאָל זיך ניט אײַלנ מיטנ עפענענ.

— צו וועמענ דאַרפט איר? — האָט דאָס ייִנגל אַ פרעג געטאָנ.

— מיר ווייסנ שוינ, צו וועמענ מיר דאַרפנ. עפנט!

— ניינ, — האָט סיימאָנ געענטפערט מיט קלוימערשט אַ זיכערער שטימ, — די מא איז נאָך ניטאָ פונ גאַס אונ זי ראַט אונדז ניט צו עפע־נענ די טיר יעדנ איינעמ, ווער עס וויל נאָר אַרײַנגייִנ.

— עפנט, מיר זײַנענ פּאָליצײַ־לײַט, געשיקט פונ דער רעגירונג.

— יאָ, אָבער צו וועמענ דאַרפט איר?

— צו ריימערנ, — האָט שוינ ניט אויסגעהאַלטנ דער עלטסטער, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנענ בא דער זײַט אונ שטרענג אָנגע־קוקט די סצענע.

— א־הא... צו ריימערנ? צי מיינט איר ניט, הער פּאָליסמענ, אַז די פאַמיליע ריימער באַשטייט פונ גאַנאָווימ?

— אָ, ניינ, בוי (ייִנגל), מיר זײַנענ מער ניט געשיקט, ווי צו מאַכנ בא אײַך אַנ אונטערזוכונג.

— א־הא, אַנ אונטערזוכונג? איז וואָס אַזעלכעס ווילט איר בא אונדז געפינענ?

— פאפירנ,— האָט איינער מיט א טעמפנ פּאָנעם א זאָג געטאָנ.

— אהא, דענקט איר עפּשער, אז די פאמיליע ריימער פעלשט דאָ־לארנ?

— גענוג, עפנ אופ, דו נארישער בוי, אונדז טראָגט ניט די צײַט צו שטיינ דאָ אונ מיט דיר פארברענגענ.

— אָ, הער פאָליסמענ, איר זידלט זיכ גאָר. נעמט גיכער אײַער וואָרט אפּ צוריק... איכ בינ יונג אונ ווייס נאָכ ניט אפּ געוויס, ווער ס'איז נאריש... ווארט, איכ גיי א קוק טונ. דוכט זיכ, אז דער פּא איז פונויבנ, זאָל ער אײַכ גיינ עפענענ.

ריטקע איז געבליבנ בא דער טיר, וואָס איז אפּנ קייטעלע צוגע־שלאָסנ, אונ סיימאָנ איז אוועקגעלאָפנ אפּגיכ צו דער קאמער, ווו זיי האָבנ פריער געארבעט באם קאָנווייער. דאָרט איז שוינ אלצ געווענ אָפּגעטאָנ. פונ בערזאָנענ האָט סיימאָנ דערזענ נאָר א ברעג שליאפּע, וואָס האָט דורכגעשווינדלט פונ דער הינטער־טיר, אונ א ברעג פונעם טאטנס פּאָרטפעל. ראָכעלע איז געווענ שוינ אינעם מאנטל אונ אינעם שווארצנ בערעטל, וואָס האָט איר אזוי שיינ געפאסט. דער טאטע איז געווענ בלייכ, ווי די וואנט, אונ ראָכעלע האָט פארנ אוועקגאנג זיכ אָנגערופנ מיט א פריילעכנ שמייכל צו סיימאָנענ:

— ביסט א בוי.

אונ צום טאטנ האָט זי מוטיק א ווונק געטאָנ מיטנ פּאָנעם אונ מיט ביידע הענט, ווי איינער רעדט: האלט זיכ פעסט, וואָס קאָנענ זיי דיר טונ?... אונ זי איז אוועק גלײַכ נאָכ בערזאָנענ.

דאָס גלעקל קלינגט דערווײַל אונ קלינגט אָנ אופהער.

— עפנ,— האָט זיכ דער טאטע אָנגערופנ צו סיימאָנענ,— איכ בינ עפּעס ניט געזונט, ליג איכ אינ בעט...

סיימאָנ איז אוועקגעגאנגענ צו די צענערווירטע פּאָליציי־לײַט.

— וואָס זײַנט איר אזוי אומגעדולדיק? — מאכט צו זיי סיימאָנ באם עפענענ די טיר.— רויִקער, טופּעט ניט אזוי, פּא איז עפּעס ניט געזונט, פירט זיכ פײַנ.

די דרײַ פּאָליציי־לײַט האָבנ געקוקט אפּנ עלטסטנ, דער עלטסטער האָט געקנייטשט מיט די אקסלענ, ווי איינער רעדט: זינט איכ לעב, האָב איכ נאָכ אזעלעכס ניט געזענ.

זיי האָבנ דורכגעפירט די אונטערזוכונג אונ האָבנ, פאַרשטייט זיכ, דאָרטנ גאָרניט ניט געפונענ.

דאָס איז געווענ דער ערשטער פּאָליציישער אונטערזוכ, וואָס איז פאָרגעקומענ בא די ייִמערס אינ שטוב, אונ ער האָט זיכ געענדיקט זייער גוט. דאָס איז אויכ געווענ דער ערשטער טראָט, וואָס סיימאָנ מיט ריטקענ האָבנ געמאַכט אפנ רעוואָליוציאָנערנ וועג, אונ ער האָט זיכ אויכ זייער גוט אײַנגעגעבנ.

LIBRARY OF CONGRESS
DUPLICATE EXCHANGE